# THE SONG OF THE MASSACRED JEWISH PEOPLE



YITZHAK KATZENELSON

TRANSLATED BY JACK HIRSCHMAN

# THE SONG OF THE MASSACRED JEWISH PEOPLE

YITZHAK KATZENELSON

# THE SONG OF THE MASSACRED JEWISH PEOPLE

TRANSLATED BY JACK HIRSCHMAN

REGENT PRESS
Berkeley, California

Copyright © 2021 by Hirschmann

ISBN 13:

ISBN 10:

CIP Information Forthcoming

Manufactured in the U.S.A.
REGENT PRESS
Berkeley, California
www.regentpress.net

# BIOGRAPHY OF THE POET

Yitzhak Katzenelson was born on 21 July 1886, in Karelitz, now Korelichi, near the Belorussian, capital of Minsk, as the son of Hinda Katzenelson and Jakob Benjamin Katzenelson, who was a writer and a teacher.

Soon after his birth, the Katzenelson family moved to Lodz, Poland, where Yitzhak was considered a literary prodigy. By the age of twelve, he already had written his first play, Dreyfus un Esterhazy. He performed it with other young people in his own backyard.

As an adult, he first became known for his Hebrew textbooks and books for children, which were the first of their kind. He also wrote Yiddish comedies, which he translated into Hebrew. His first volume of poetry, *Dimdumim* (Hebrew for *Twilight*), appeared in 1910 and, two years later, Katzenelson founded the theatre Habima HaIvrit (The Hebrew Stage) and a Hebrew school in Lodz. He also contributed to the development of modern Hebrew through his work as a translator. He translated works by Shakespeare and Heine, among others, into Hebrew.

Several of his Yiddish plays were performed in Lodz even before the First World War, and he took it on tours of cities in Poland and Lithuania. Before the First World War Katzenelson undertook the creation of a network of Hebrew schools in Lodi, from kindergarten to high school, which functioned until 1939. He was the author of textbooks, biblical plays, and children's books.

Beginning in 1930 he belonged to the Dror movement in Lodz and to the He-Halutz movement, the latter operating a

training kibbutz — Kibbutz Hakhsharah — in Lodz. Katzenelson's work in the interwar period was based on his sense that Jewish life in the Diaspora was incomplete; this belief also motivated his participation in cultural and other public affairs in those years. Such feelings appear in his works in the form of sombre symbols of death, boredom, and silence. In his Yiddish play *Tarshish*, Katzenelson deals with the roots of anti-Semitism in Poland and with the utter hopelessness of Jewish life on Polish soil.

The German blitzkrieg against Poland began on September 1, 1939 and, eight days later Lodz, then home to some 250,000 Jews, was occupied by the Germans. Like many other Jewish institutions, Katzenelson's school was closed; it later served as Gestapo headquarters.

At the urging of his family, Katzenelson fled in late November 1939 to Warsaw, his wife Hanna and their three children followed him there. In the Warsaw Ghetto, Katzenelson worked in the underground as a teacher of religion and Hebrew and published, under various pseudonyms, poems, short plays and articles in the clandestine newspaper of the socialist Zionist organization Dror (Freedom in Hebrew). Many of his works dealt with current events, while others had Biblical or historical settings and served as a transparent reflection of what was occurring at the time.

Katzenelson wrote poems about hunger and the cold, which were intended not as works of art, but as a vivid expression of suffering; his images were a realistic expression in reaction to the desolate circumstances. The time in the Warsaw Ghetto was Katzenelson's most creative period. In the Ghetto he wrote approximately fifty plays, epics in verse and poems.

In the 19 months of the Nazi occupation of Warsaw,

Katzenelson attempted to strengthen the Ghetto inhabitants' will to live, by interpreting everyday events in relation to Jewish history. His plays were performed in the orphanages of Korczak and Dombrowski, and weekly readings were held in the Dror commune at 34 Dzielna Street. With the help of a mimeograph machine Dror published Katzenelson's Yiddish play *Lov (Job)* in the Warsaw Ghetto on June 22, 1941. It was the only Jewish book published by Jews during the German occupation.

On July 22, 1942, the Germans commenced the long-dreaded mass deportation of the Jews of Warsaw to the death camp at Treblinka. Within space of a few weeks a large percentage of the inhabitants of the Warsaw Ghetto had been murdered there.

Katzenelson's wife Hanna, and his two younger sons, Benjamin and Benzion were deported to the Treblinka death camp on August 14, 1942, where all three perished. At the time of the mass deportation "aktion," Katzenelson worked in the Hallmann workshops.

Two days before the beginning of the mass deportations, Mordechai Tennenbaum, one of the leading members of Dror He-Halutz and one of the influential figures in founding the Jewish Fighting Organisation (ZOB), concealed some of Katzenelson's writings, along with the Dror archives, in an underground hiding place, some of which survived, and are now in Israel. Katzenelson and his oldest son, Zvi, were smuggled into the Fritz Schulz workshop and thus protected from deportation.

On January 18, 1943 the Nazis attempted the "Second Aktion" — to deport the so-called illegal Jews who were not employed in German-owned factories, which led to the Jewish underground's resistance, and the Germans broke off the

deportation after only four days.

Heinrich Himmler the Reichsfuhrer-SS ordered the SSPF (SS Police Leader) of Warsaw District von Sammern to liquidate the Ghetto by February 14,1943. On April 19, 1943 the Germans began the "Grosaktion" to finally liquidate the Warsaw Ghetto. The Jews revolted and turned back the German forces, and thus began a revolt that lasted 27 days. One day after the start of the revolt, Katzenelson and his oldest son Zvi were smuggled out of a Ghetto bunker at 50 Lesz Street into the "Aryan" part of the city.

Yitzhak Katzenelson and his son Zvi went to the Polski Hotel along with many other Jews who held foreign passports/documentation. Katzenelson and his son had procured documents from Yitzhak's friend, Daniel Guzik, certifying their citizenship of Honduras, and they left the Hotel Polski to the French internment camp at Vittel

On October 3, 1943, two days after Rosh Hashanah, the Jewish New Year, Katzenelson started writing his most famous work, *Dos Lid Funem Oysgehargen Yidishn Folk* (*The Song of the Massacred Jewish People*). On January 18, 1944 he completed his epic work and he then concentrated on making corrections and copies.

Two months after its completion, all the Jews interned in the Vittel Camp were declared stateless, and on April 18, 1944, all 173 Polish Jews were transported in three railroad cars to the Drancy Transit Camp near Paris.

Yitzhak Katzenelson and his son Zvi were deported on the 72nd RSHA transport from France, which arrived at the Birkenau camp on May 1, 1944. This transport contained 1,004 Jewish men, women and children. 865 Jews were murdered in the gas chambers, probably including Yitzhak and Zvi Katzenelson.

In the Spring of 1944, shortly after Katzenelson had completed his epic, Ruth Adler, a German Jew from Dresden who had a British Palestinian passport, received permission to leave the country in an exchange for German Prisoners of War. In the leather handle of her suitcase, she smuggled out one of the two copies out of the *Vittel Camp* and went to Israel.

The other copy was buried by Katzenelson with the help of fellow internee, Miriam Novitch – in three sealed glass bottles under a tree in the Vittel Camp. After the Camp's liberation Miriam Novitch, with the help of a laundress friend, retrieved the manuscript, as well as other writings by Katzenelson.

His epic poem was first published in May 1945, barely a year after his death, and the Ghetto Fighters House in Israel is named afterYitzhak Katzenelson and its Museum has made extensive efforts to collect his manuscripts and to translate his works into English and other languages. Katzenelson's Vittel Diary was published in English in 1964.

# TRANSLATOR'S PREFACE

As I begin this Preface, which is the 77th anniversary of the beginning of the Warsaw Ghetto Uprising, that is April 19, 1943, I want to be explicitly accurate about my relation to this great poem of Yitzhak Katzenelson's hand.

Anecdotally, I had heard in my early "literary" adult-years that there'd been a long Yiddish poem written about the Holocaust in which the poet had warned that if the Jews took up the gun, they'd become the people who had genocided them. Katzenelson's name was never mentioned with respect to that poem, nor was any poet by name.

In 1980 in San Francisco I was shown a copy of it, only in Yiddish, by Michel Gurwitz. I mention Michel here because only a few days ago I learned from Bob Yarra, a mutual friend of both Michel and myself, that Michel had died only a couple of months ago in Harlem in New York and, according to another friend, one Micha Odenheimer in Israel, Michel was "a beat Jewish hero and descendant of the Baal Shem Tov, the founder of Hasidism," who spent most of adult life wandering from Lower East Side shelters, to sleeping on subways, panhandling when broke, and now and then visiting friends in other cities.

Apparently as well, says Micha, Michel had made a translation of the Katzenelson book and, in his memorial piece about Michel, Micha (who always called Michel Reb Mechel) even quotes a couple of quatrains from the poem, saying that when he and Michel brought the translation to the Jewish Theological Seminary to see whether the people there would be interested in publishing Michel Gurwitz's

translation, they were told that someone else had submitted a translation that they were going to use.

And in fact Micha asks: Does anyone have it (Michel's translation)? For it has not turned up after his death.

When I met Michel in 1980 I had just officially joined the Communist Labor Party in San Francisco, a small but very revolutionary Party and, as I was very much involved in writing poems in Russian to help "save" the Soviet Union, which was still the Cold War enemy of the United States, I did not know Yiddish at the time, though I thought the Katzenelson book a potentially interesting project.

I could not find any translation of it into English except at the Holocaust Library in San Francisco, which I visited in the '90s. The translation was done by veterans of the Warsaw Ghetto Uprising in an edition published bilingually in Israel.

It was only in the new Millennium, when I wanted to translate the poems of Hirsch Glik, the young poet who wrote the Jewish partisan anthem, *Zog Nit Kaynmol,* and who died at 23 in Auschwitz, that I learned to read literary Yiddish and, with Zachery Baker, we translated Glik's *Songs and Poems*, which was published by CC. Marimbo of Berkeley in 2010.

With the Coronavirus pandemic that we are all still pretty much encircled by, I decided to translate *The Song of the Massacred Jewish People* by Katzenelson.

The title is most always written as *The Song of the Murdered Jewish People*, but Massacred is the more accurate definition of the Yiddish word *oysgeharg'etn.*

The Song is made up of 15 sections, each with 15 quatrains. I asked myself what the number 15 could have meant to Katzenelson. Was it some kabbalistic fascination of his? The Passover occurs on the 15th day of the Hebrew month of Nisan and Yitzhak knew the

Hebrew language very well and, on that day, the Hebrews of the Bible began their exodus from Egypt.

Or, perhaps it was that, of the names of women in the Bible, the name Miriam is just one of two names used 15 times, and Miriam Novitch, (a woman friend in the concentration camp in Vittel, France where Yitzhak wrote the 900 line poem between October 1943 and January 1944), was the only person he told he'd buried the texts in bottles under a tree. After the war, Miriam recovered the texts, as well as the texts of a Diary and other writings he'd buried.

Katzenelson didn't participate in the Warsaw Ghetto Uprising, which began on April 19, 1943, because he and his son Zvi, were hidden in an Aryan part of the city for three weeks after the revolt began. Then, and also because of his reputation as a poet and writer (in Hebrew) of children's books, false passports for him and his son, of Honduran citizenship, were obtained.

In 1943 there was a "privileged" concentration camp in Vittel where prisoners especially of Latin American countries would be exchanged for German prisoners fallen to the Allies, and be able to reach a free country.

In May, 1943, Yitzhak and his son Zvi, with a small group of "lucky ones" were sent to Vittel, where, as the war after Stalingrad turned greatly in favor of the Allied forces, in March 1944, Katzenelson and his Zvi were taken to a "transit" concentration camp in Drancy, near Paris, where shortly thereafter they were sent to the gas chambers at Auschwitz. Tragically and ironically.

In late April, 1944, after they were dead, the Nazis recognized their South American passports as valid and the mandated British government of Palestine allowed their immigration there.

Now it's very important to me that you, the reader, understand that what you are about to read is not a literal translation of the texts by Katzenelson. A literal translation of this work would not only be impossible because to capture his brilliant poetic sibilance and rhythms in his Yiddish is beyond any linguist, but also this:

This long poem is a lament, a cry, a weeping, an outcry that, if literally translated with all the repeated "Listen to me!" or "O my people," the text would result in an over-sentimentalized American version.

I've tried to stay firm with the structure of 15 Sections made up of 15 quatrains in each Section; that is, each Section has its own particular theme. I've sought to manifest that "line" of thoughtful feeling in each Section. At times it's essential for me to minimize expressions like. "Listen, listen!" to just one "Listen!"

Or to mute some of the text that moves in the direction of the sentimental. At times as well, in order to more-dramatically manifest imagery and avoid Katzenelson's remembrance of the actions in the Ghetto, which he did live through, I will shift the tense from Past to Present.

Especially in Sections 14 and 15, where Katzenelson, whose quatrains in most previous Sections follow an almost blank-verse 5-stress pattern, extends his lines to a more-than-alexandrine length (I think largely because, near the end of his work, he wants to include much more yet remain faithful to the form of 15 parts), it was necessary for me to hone in and, as in previous Sections, manifest the essential meaning of each quatrain.

One other translative matter is necessary to describe: throughout the poem the word Nazi is never used. This is extremely unusual given that this is a holocaustic work. The

closest are the initials SS, or the "They" (in which Nazis can be implied); otherwise one sees daytsh, meaning German. The danger is that this work, which expresses a hatred understandable at the time of the writing for all Germans, remains ethnically troubling, though he also expresses a hatred for most Gentiles, that is Poles who worked with the enemy and, most of all, for Jews who sold out to the Germans, becoming cops for them, arresting and even killing other Jews. For them, his hatred is deepest.

In all fairness, the Nazis killed thousands upon thousands of Poles, Polish Communists or ordinary Catholics. In fact, one of the most unforgettably horrifying books I ever looked into was a book of photographs of Poles. Page after page were photos of huge chambers filled with the bones of Polish people. The Nazis, after murdering them, had their bodies sawn and so all one observed were bones and more bones. I witnessed this in a book 60 years ago in the library of Dartmouth College in Hanover, New Hampshire, where I was teaching.

Doubtlessly or, let me say, in my opinion Katzenelson refused the word Nazi because the Yiddish word for a Jew—in Germany and France before his commuting to Poland, Lithuania, Russia and other East European countries—is Ashkenazi (from the Hebrew Ashkanaz = German). And it was this rather ironic coincidence that I believe caused the linguistic omission.

But when in the 14th quatrain of the 15th and final Section of the poem, Yitzhak writes that "those warm heads of my Communists won't quarrel anymore with my Bundists and both no longer will fight with my faithful Chalutzim..." we see clearly the political strife that was going on at the time among the Jews.

My thanks to Zachery Baker who was very helpful in bringing Section 2 to light; to Bob Yarra for his providing Micah Odenheimer's beautiful tribute to Michel Gurwitz, as well as Michel's own essay of his life on the streets, written under a pseudonym.

Most importantly, my thanks to the Editrice La Giuntina in Firenze (Florence), Italy, which in 1995 published Katzenelson's poem in (1) the original Yiddish, (2) a phonetic rendering of the Yiddish and, (3) a translation into Italian by Sigrid Sohn, with a poetic version by Daniel Vogelmann. That book has been profoundly instrumental for me in manifesting my translation.

It is not very well known but Italy, more than the United States or Great Britain, has been welcoming to Hebrew, Aramaic and now Yiddish literature. The Spanish Kabbalist poet and mystic, Abraham Abulafia, wrote 29 of his books in Messina, Sicily, and the translations of them into English and Italian, as well as of other Kabbalists, are available only in a book-selling site in a small city near Trieste, the town of Monfalcone. Without knowing that, I visited Monfalcone a decade ago to embrace my beloved compagna, Yolanda Bodi, who had returned there from the Caffe Trieste in San Francisco, where she'd been the "Mama" to all for a generation, and where she died, revered by thousands. I've often thought that perhaps the co-incidence is not so co-incidental.

J.A.H.

for the soul of my Hanna
and the soul of my brother Berl
who were massacred with their families
and do not have graves

## א. זינג!

„זינג! נעם דיין האַרף אין האַנט, הויל, אויסגעהוילט און גרינג,
אויף זיינע סטרונעס דין וואַרף דיינע פינגער שווער,
ווי הערצער, ווי צעווייטאָקטע, דאָס ליד דאָס לעצטע זינג,
זינג פון די לעצטע יידן אויף איראָפּאָ'ס ערד".

ב.
– ווי קען איך זינגען? ווי קען איך עפענען מיין מויל,
אַז איך בין געבליבן איינער נאָר אַליין –
מיין ווייב און מיינע עופה'לעך די צוויי – אַ גרויל!
מיך גרוילט אַ גרויל... מע וויינט! איך הער ווייט אַ געוויין –

ג.
„זינג, זינג! הייב אויף צעווייטאָקט און געבראָכן הויך דיין שטים,
זוך, זוך אים אויף דאָרט אויבן, אויב ער איז נאָך דאָ –
און זינג אים... זינג דאָס לעצטע ליד פון לעצטן יידן אים,
געלעבט, געשטאָרבן, נישט באַגראָבן און נישטאָ..."

ד.
– ווי קען איך זינגען? ווי קען איך אויפהויבן מיין קאָפּ?
מיין ווייב אַוועקגעפירט, און מיין בנציון'קען און יאָמעלען – אַ קינד –
איך האָב זיי ניט ביי מיר דאָ, און זיי לאָזן מיך ניט אָפּ!
אָ שאָטנס פינסטערע פון מיינע ליכטיקסטע, אָ שאָטנס קאַלט און בלינד!

ה.
„זינג, זינג אַ לעצטן מאָל נאָך דאָ אויף דר'ערד, פאַרוואַרף
דיין קאָפּ אהינטער, פאַרגלייז די אויגן אין אים שווער
און זינג א לעצטן מאָל אים, שפּיל אוים אים אויף דיין האַרף:
ניטאָ שוין מער קיין יידן! אויסגעהרג'עט און ניטאָ זיי מער!"

# 1 SING!

1.

Sing! Take your curved and light harp in hand
and throw your fingers at its subtle strings.
Heartsick, sorrowful, sing the last song,
of the last Jews on European earth.

2.

But how can I sing, even open my mouth, as I'm
so very much alone? My wife and two children...What a
horror! I'm shuddering...and I'm hearing weeping,
weeping everywhere.

3.

"Sing, sing! Lift up your broken and tormented voice and
seek Him, seek Him above, if still there, sing for
and to Him the ultimate song of the last Jews who
lived, died, unburied and nothing more."

4.

But how can I? How can I lift my head? They took my
wife, sons Benzion and little Yomele. No more with me
yet they'll never leave, o dark shadows of my brightest ones,
shadows cold and blind.

5.

"Sing, sing for the last time, throw back your head, fix
your eyes on Him and sing them for the last time, sound
your harp for Him: there are no more Jews!
They've exterminated all of them!"

ו.
– ווי קען איך זינגען? ווי קען די אויגן איך פאַרגלייזט
אין קאָפּ אין מיינעם הויכן? אַ טרער פאַרגליווערט האָט
פאַרקליבן זיך אין אויג מיר... זי רייסט זיך, רייסט
פון אויג אַרויס זיך – און זי קען ניט פאַלן... גאָט, מיין גאָט!

ז.
"זינג, זינג, הויב אויף צו הימלען הויך און בלינד דיין בליק,
ווי ס'וואָלט געווען אַ גאָט דאָרט אין די הימלען... ווינק אים, ווינק –
ווי ס'וואָלט געשיינט, געלויכטן אונדז נאָך דאָרטן גרויס אַ גליק!
זי'ץ אויף די חורבות פון דעם אויסגעהרג'עטן פון פאָלק און זינג!"

ח.
– ווי קען איך זינגען – אז ס'איז די וועלט מיר וויסט?
ווי קען איך שפּילן מיט פאַרבראָכענע מיט הענט?
וואו זענען מיינע טויטע? איך זוך די טויטע מיינע, גאָט, אין יעדן מיסט,
אין יעדן בערגל אַש: – אָ, זאָגט מיר וואו איר זענט?

ט.
שרייט אויס פון יעדן זאמד, פון אונטער יעדן שטיין,
פון אלע שטויבן שרייט, פון אלע פלאַמען, פון יעדן רויך –
ס'איז אייער בלוט און זאַפט, עס איז דער מאַרך פון אייער ביין,
ס'איז אייער לייב און לעבן! שרייט אַרויס, שרייט הויך!

י.
שרייט אַרויס פון חיות־איינגעווייד אין וואלד, פון פיש אין טייך –
זיי האָבן אייך געגעסן, שרייט פון קאַלכאויוונס, שרייט קליין און גרויס,
איך וויל א גוואַלד, אַ וויינעשריי, אַ קול, איך וויל אַ קול פון אייך,
שריי אויסגעהרג'עט יידיש פאָלק, שריי, שריי ארויס!

יא.
ניט שריי צום הימל, ער הערט דיך ווי די ערד, דער הויפן מיסט,
שריי ניט צו דער זון, ניט רייד צום לאָמפּ... אַך, ווען איך קען
פאַרלעשן זי, ווי מען פארלעשט אַ לאָמפּ אין רוצחים־הייל דאָ וויסט!
מיין פאָלק, האָסט מער געלויכטן! ביסט ליכטיקער געווען!

6.

But how can I sing? How fix my eyes on Him?
A congealed tear's established itself in my eye…
it struggles, it tears itself out yet it can't fall…
God, my God!

7.

"Sing, sing! Raise your gaze to the heavens
as if there were a God for us up there who's
making a sign as though a great joy awaited us.
Sit amid the ruins of your massacred and sing!"

8.

But how can I in a world so empty for me now?
How sound with these miserable hands?
Where are my dead ones? I look for them, in dung-heaps,
in every pile of ashes. O, tell me where you are.

9.

Shout from every strip of land, under every stone,
shout from the dust, from the flames and smoke---
it's your blood, your lymph, your bone-marrow,
it's your flesh, your life! Shout it out stronger!

10.

Cry from the guts of forest beasts, from the fish,
that they've devoured you. From the ovens, shout,
little and big ones, let me hear your cries,
your sobs crying out, murdered Jewish people.

11.

Don't invoke the heavens: it doesn't hear you. Nor
does earth, this pile of shit. Or invoke the sun or beg for a lamp.
Oh, my people, you've been the most radiant light
of the sun in the world for me!

יב.
אָ ווייז זיך מיר, מיין פאָלק, באַווייז זיך, שטרעק די הענט
אַרויס פון גריבער טיף און מיילן־לאַנג און אָנגעפּראָפּט געדיכט,
שיכט אונטער שיכט, מיט קאַלך באַגאָסן און פאַרברענט,
אַרויף! אַרויף! שטייגט פון דער אונטערשטער, דער טיפסטער שיכט!

יג.
קומט אַלע פון טרעבלינקי, פון סאָוויבאָר, פון אָשווענטשים,
פון בעלזשיץ קומט, קומט פון פּאָנאַרי און פון נאָך, פון נאָך, פון נאָך!
מיט אויגן אויפגעריסן, פאַרגליווערט אַ געשריי, אַ גוואַלד און אָן אַ שטים,
פון זומפּן קומט, פון בלאָטעס איינגעזונקען טיף, פון פוילן מאָך –

יד.
קומט געטריקנטע, צעמאָלענע, צעריבענע, קומט, שטעלט זיך אויס,
אין אַ קאַראָהאָד, אַ ראָד אַ גרויסן אַרום מיר, איין גרויסע רייף –
זיידעס, באָבעס, טאַטעס, מאַמעס מיט די קינדערלעך אין שויס –
קומט, ביינער ייִדישע פון פּראָשקעס, פון שטיקלעך זייף.

טו.
ווייזט זיך מיר, באַווייזט זיך אַלע מיר, קומט אַלע, קומט,
איך וויל אייך אַלע זען, איך וויל אייך אָנקוקן, איך וויל
אויף מיין פאָלק, מיין אויסגעהרג'עטן, אַ קוק טאָן שטום, פאַרשטומט –
און איך וועל זינגען... יאָ... אַהער די האַרף – איך שפּיל!

3-5.10.1943

12.

Rise up, my people. Stretch your arms out of pits so deep,
where layer upon layer are covered in quicklime
and burnt-out. Rise up from the final,
the deepest of all the layers.

13.

Come, all of you, from Treblinka, Sobibor, Belzec,
Auschwitz, Ponary and the other camps, with eyes wide-open
and a cries of terror muted. Come from marshes,
mud-smothered, putrefied in moss.

14.

Come, you desiccated, smashed and broken-into-
pieces, in a circle around me forming a huge ring:
grandpas, grandmas, fathers, mothers with babies
at necks. Come, Jew-bones dust become ashes.

15.

Rise, show yourselves to me. Come all, come on,
I want to see you, want to look at you, want to contemplate
in silence my murdered people. And I'll sing! Yes.
Give me the harp. Look, I'm playing!

# ב. איך שפּיל

איך שפּיל. איך האָבֿ גענעצט זיך נידעריק אויף דר׳ערד
און האָבֿ געשפּילט און אומעטיק געזונגען: אָ, מיין פאָלק!
מיליאָנען יידן זענען ארום מיר געשטאַנען און געהערט,
מיליאָנען אויסגעהרג׳עטע זען׳ געשטאַנען, זיך צוגעהערט – אַ גרויס געפאָלג!

ב.
אַ גרויס געפאָלג, אַ מחנה גרויס, אַך גרויס! יחזקאל׳ס טאָל
מיט בּיינער פול וואָלט אין אַ ווינקל דאָ באַהאַלטן זיך געקענט –
און ער אליין, יחזקאל, ער וואָלט ניט האָפּערדיק אזוי, ניט גלויבּיק ווי אמאָל
צו אויסגעהרג׳עטע גערעדט, ער וואָלט ווי איך פאַרבּראָכן מיט די הענט.

ג.
ווי איך, ווי איך פאַרוואָרפן אומבאַהאָלפן שווער דעם קאָפּ,
און אָנגעקוקט פאַרשטערט דעם הימל־גרוי און ווייט און וויסט אַרום,
און ווידער שווער אַראָפּגעלאָזן אים, אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ,
אַ שטיין פארשטיינערט צו דער ערד געבויגן טיף און שטום.

ד.
יחזקאל! ייד, דו ייד אין בבֿל־טאָל, דו האָסט געזען
די אויסגעטריקנטע די בּיינער פון דיין פאָלק, און האָסט –
פאַרלאָרן זיך, יחזקאל... און אַ צומישטער ווי אַ מאַנעקען
פון אייבּערשטן פון דיינעם אין טאָל אין יענעם פירן זיך געלאָזט.

ה.
און געלאָזט זיך פרעגן: הֲתִחְיֶינָה? זאָג, צי וועלן נאָך
אויפלעבֿן די בּיינער אָ? דו ווייסט ניט יאָ צי ניין –
טאָ וואָס זאָל איך, אָ וואָס זאָל איך שוין זאָגן? וויי, אַ בּראָך!
עס איז פון אויסגעהרג׳עטן פון פאָלק פון מיינעם ניט געבליבּן קיין געביין!

# 2 I’m Playing

1.

I’m playing, I’ve sat myself down on the ground
and have played and sadly sung: o my people!
Millions of Jews stood around me and heard,
murdered millions forming a huge crowd, listening!

2.

A huge crowd, a giant multitude! Ezekiel’s valley full of
bones could fit in a corner and the same Ezekiel
wouldn’t speak to the massacred of hope but was,
like me, wringing his hands.

3.

Like me, helplessly casting down a heavy head and
gazing in frustration at the vast grey sky and its emptiness,
he would have thrown his head down, even lower,
like a stone, a poor pebble.

4.

Ezekiel, Jew of the Babylonian valley, you’ve seen
the desiccated bones of your people and felt as lost and
confused as a marionette, by God, by your God, you’ve
been driven into this valley.

5.

And when you were asked, “Hasikhyeno?
(Will these bones recover their lives?)” you didn’t know
how to respond. What, what can I say? That not
a single bone remains of my massacred people!?

ו.
ניטאָ אויף וואָס אַ לײַב אַרויפצחעצן און אויף וואָס אַ הויט
אַרויפצוציען און אין וואָס אַרײַנבלאָזן אַ גייסט –
זע, זע, אַ פאָלק אַן אויסגעהרג'עטער דאָ גאַנץ, אַ פאָלק געטויט
קוקט אָן אונדז שטאַר, קוקט אָן מיט אויגן אונדז פאַרגלייזט.

ז.
זע, זע – מיליאָנען קעפ און הענט צו אונדז געוואָנדן – צייל!
און פנים'ער און ליפּן זע – איז אַ געבעט אויף זיי פאַרשטאַרט צי אַ געשריי!
גיי צו און ריר זיי אָן... ניטאָ וואָס אָנצורירן – הייל!
כ'האָב אויסגעטראַכט אַ יידיש פאָלק! כ'האָב אויסגעטראַכט דאָך זיי!

ח.
ניטאָ זיי! און זיי וועלן דאָ אויף דר'ערד שוין מער ניט זיין!
איך האָב זיי אויסגעטראַכט, יאָ, אַזוי זיך איך און איך טראַכט זיי אויס –
נאָר אמת זענען זייערע עינויים וואָס דו זעסט, די פּיין, די פּיין
פון זייער אויסגעהרג'עט ווערן איז דאָך וואָר און גרויס...

ט.
זע, זע, זיי שטייען אַלע אַרום מיר און ווייט און לאַנג,
און אַלע זיי – אַ שוידער גייט אַדורך מיר, דורך מיין לײַב –
זיי קוקן מיט בן־ציון'קעס, מיט יאָמעקס אויגן באַנג,
זיי קוקן אַלע מיט די אומעטיקע אויגן פון מיין ווײַב.

י.
מיט מיין ברודער בערלס גרויסע, בלאָע אויגן – יאָ!
ווי קומט צו זיי זיין בליק? אָט איז ער! ער אַליין!
ער זוכט די קינדער זיינע און ער ווייסט ניט אז זיי זענען דאָ,
צווישן די מיליאָנען דאָ... איך זאָג עס אים ניט, ניין...

יא.
מיין חנה'ן האָט מען צונענומען אינאיינעם מיט אונדזערע צוויי זין!
מיין חנה ווייס, מיט איר צחאַמען האָט מען זיי פאַרשלעפּט –
זי ווייס נאָר ניט וואו צבי איז? זי ווייס פון מיר ניט וואו איך בין,
זי ווייסט ניט פון מיין אומגליק, זי ווייסט ניט אז איך לעב...

6.

There's nothing left to put skin and flesh on, not a
thing in which to breathe a new spirit.
Look, an entire massacred, dead people
is fixing on us with eyes glazed over.

7.

See, millions of heads and hands reaching to
contact us! Look at those lips. Is it prayer affixed
to them or howl? Go on, try touching them.
Nothing. I've invented a Jewish people! Imagined them.

8.

They're no more! And they won't be returning to
this earth! I've invented them, sat down and invented them
Only their sufferings which you see, the pains
in being murdered is real, immense.

9.

Look, look, they're all around me, a giant crowd
and all of them a shudder going through me.
They look sadly with Benzion's and Yomele's sad eyes,
and all with the desolate eyes of my wife.

10.

With the big blue eyes of my brother Berl, yes.
How come they have his look? It's him! He alone!
He's looking for his kids not knowing they're among
those millions, and I won't tell him, no.

11.

My Hanna was taken with our two sons! My
Hanna knew: they were all three together, but
she didn't know where Zvi is, nor where I am,
or of my misfortune, not knowing I'm alive.

יב.
זי הויבט צו מיר די אויגן אירע ווי ס'הויבט די אויגן שטום
צו מיר דאָס פֿאָלק דאָס גאַנצע און ווי זי וואָלט מיך ניט געזען –
קום, שווייגנדיקע און אַזוי פֿיל זאָגנדיקע, קום, חנה, קום,
קוק איין זיך, הער זיך צו צום קול צו מײַנעם און דערקען!

יג.
הער, בנציק'ל מײַן יונגינקער, מײַן נאָון, דו פֿאַרשטייסט
אַן איכה־ליד אַ לעצטס פֿון לעצטן, לעצטן ייִד –
און דו, מײַן יאָמעלע, מײַן ליכטיקער, מײַן טרייסט,
וואו איז דײַן שמייכל, יאָס? אָ, שמייכל, שמייכל ניט...

יד.
איך שרעק פֿאַר אים זיך, יאָמעלע, אַזוי ווי מען באַדאַרף
פֿאַר מײַן'ס אַ שמייכל שרעקן זיך... הער צו זיך צום געזאַנג –
איך האָב מײַן האַנט ווי אַ האַרץ געוואָרפֿן אויף מײַן האַרף,
און זאָל אונדז ווײ טאָן מערער נאָך!... אי ווײ, אי באַנג!...

טו.
יחזקאל'ען, אים, נײַן, ירמיה'ן... אים אויך, איך דאַרף אים ניט!
איך האָב גערופֿן זיי: אָ העלפֿט מיר, העלפֿט אַרויס!
נאָר כ'וועל אויף זיי ניט וואַרטן מיט מײַן לעצטן ליד –
זיי מיט נביאות און איך אין ווייטאָקן אין מײַנע גרויס.

5.10.1943

12.

She lifts her eyes to me vacantly like all my people
and as if she didn't see me. Come, silent ones,
so eloquent ones, come, Hanna, come look at me,
listen and recognize me!

13.

Listen, Benzion, my little gaon*, you can fathom
the last lament of the very last Jew, and Yomele,
you, my light and consolation, where's your smile,
Yom? O, not smiling…not smiling…

14.

I'm afraid of that, Yomele, as others ought to be afraid
of my smile. Listen to my song. I've thrown my hand
like a heart at my harp  and it may hurt us even more,
with both pain and anguish!

15.

Ezekiel, him? No. Jeremiah? No. I've no need of
them. I've called out to them, Help me. But I'm
not waiting for them with my last song, they in
their prophecies and I in my huge suffering.

## ג. אָ וויטאָקן איר מיינע!

וויטאָקן! אָ וויטאָקן איר מיינע... וואויל, יידן אייך, אָ וואויל אייך, ואויל!
וואויל אייך עלנטע, אייך איבערבלייבעכצן אויף יענע זייטן ים,
וואָס איר ווייסט עס ניט, אַך, ווען עס עפנען מיינע וויטאָקן אַ מויל
זיי וואָלטן אייך דאָס לעבן אייערס, אייך די וועלט פאַרפינסטערט און פאַרסמ׳ט.

ב.
וויטאָקן, איר וואַקסט דאָך אזוי גרויס אין מיר, איר וואַקסט און שטייגט –
וואָס עקבערט איר? צי רייסט איר עס אין מיר אריין זיך, צי רייסט איר זיך ארויס?
ניט רייסט ארויס זיך, וויטאָקן! וואַקסט, וואַקסט אין מיר און שווייגט,
שווייגט ווייל איר טוט מיר ווי אזוי, אָ וויטאָקן איר מיינע, ווייל איר זענט גרויס!

ג.
ווייל איר גראָבט אין מיר און עקבערט אין מיר בלינד מיט אוינן צו
און מיט מיילער אָפן ווי ווערים אין אַ קבר טיף... אָ וויטאָקן, אָ שמאַרץ!
טאָ שווייגט אין מיר, מיט מיינע אלע די נעהרג׳עטע, ליגט, ליגט אין אייער רו!
ליגט, וויטאָקן, אין מיר, ווי ווערים אינם כריין, אין אויפגעגעסענעם אין האַרץ.

ד.
אני הגבר, איך בין דער מאַן וואָס האָט זיך צוגעקוקט, וואָס האָט געזען
ווי מען האָט די קינדער מיינע, מיינע פרויען, מיינע יונגע און מיינע אלטע לייט
אין וועגענער געוואָרפן, ווי שטיינער זיי אריינגעשליידערט דאָרט, ווי שפּען,
און געשלאָגן זיי נאָר אָן רחמנות און גערעדט צו זיי פארשייט.

ה.
איך האָב פון פענסטער שויב ארויסגעקוקט, געזען די ש ל ע ג ע ר – נאָט!
איך האָב באַטראַכט די שלעגער און די געשלאָגענע באַטראַכט –
און האָב פאַבראָכן מיט די הענט פאַר שאַנד... אָ, שאַנד און שפּאָט,
מען האָט די יידן, אַך, מיט יידן – מיינע יידן אומגעבראַכט!

# 3 O My Pains!

1.

Pains! O my pains… Blessed, you blessed Jews!
So blissfully secure in your ignorance on the other side
of the ocean. Ah, if my pains were able to speak,
they'd poison your life, darken your world.

2.

Torments, you're evermore a depth arisen in me.
What are you drilling for? Do you want to enter me
or go out of me? Don't struggle so, pains. Grow,
grow in silence in me, you're so very ruthless.

3.

You're gnawing at me, eyes closed, mouth open
like worms in a tomb…oh torments, oh sorrows!
Calm down and rest in me with my dead ones,
in my broken heart, like worms in the earth.

4.

Ani hagvar I'm the man who was present, saw
how they flung my kids, my women, young and
old, into wagons like stones, pieces of wood
pitilessly beaten and covered with insults.

5.

I've looked out the window, seen the batterers,
O God, observed them and their blows and wring
my hands in shame, in shame and ignominy:
they've even used Jews to murder other Jews!

ו.

משומדים און ערב משומדים מיט די שטיוול גלאַנציק אויף די פּים,
און אין די היטלען מיטן מגן־דוד ווי אַ האַקנקרייץ זיי אויף די קעפּ,
און מיט אַ שפּראַך אַ פרעמדע און פאַרגרייזט אין מויל און גראָב און מיאוס.
האָבן זיי פון וואונונגען געשלעפט אונדז, געשליידערט פון די טרעפּ.

ז.

זיי האָבן טירן אויפגעריסן און אריינגעריסן זיך מיט גוואַלד, מיט גוואַלד
אין הייזער יידישע, פאַרמאַכטע, מיט העלצער, אויפגעהויבן אין די הענט –
אויפגעזוכט אונדז און געשלאָגן און צו די וועגענער געטריבן יונג און אַלט,
אין נאם אריין! געשפּינן גאָט אין פּנים, דאָס ליכט פון טאָג געשענדט.

ח.

זיי האָבן אונדז ארויסגעשלעפט פון אונטער בעט, פון שאַנק אונדז און געפלוכט:
"דער וואָגן וואַרט! צו אלדי שווארצע יאָר, צום אומשלאַק אייך, צום טויט!"
זיי האָבן אלע אונדז פון שטוב ארויסגעשלעפט און אלץ נאָך דאָרט ארומגעזוכט –
דאָס לעצטע קלייד פון שאַנק, דאָס לעצטע ביסל קאַשע, דעם לעצטן פּעניץ ברויט.

ט.

און אויפן גאַס – מען קען משוגע ווערן! אויפן גאַס – קוק צו זיך און ווער דול!
די גאַס איז אויסגעשטאָרבן און איז איין גרויס געפילדער, איין געשריי –
די גאַס – ווייט, ווייט ארויף און ווייט אראָפּ איז ליידיק און – די גאַס איז פול,
וועגענער מיט יידן! קוק אויף די וועגענער – אויף וועגענער איז אָך און וויי, איז א געשריי...

י.

וועגענער מיט יידן! מען פארברעכט די הענט, מען רייסט פון זיך די האָר –
און מאַנכע שווייגן – די שווייגנדיקע, אָך! זיי שרייען העכער נאָך!
זיי קוקן צו זיך... ס'בלויזע קוקן זייער'ס... איז'ס אַ חלום שלעכט? צי איז עס וואָר?
און באַשטיוולטע, באַהיטלטע פּאָליציע יידישע ארום די וועגן – וויי, אַ בראָך!

יא.

דער דייטש שטייט אין אַ זייט און ווי ער וואָלט קוים קוים צו זיך געלאַכט –
דער דייטש שטייט פון דער ווייטנס, דער דייטש – ער מישט זיך נישט אריין,
וויי מיר, וויי מיר, דער דייטש! ער האָט מיט יידן – מיינע יידן אומגעבראַכט!
קוק אָן די וועגענער! קוק אָן די שאַנד, קוק אָן, קוק אָן די פּיין!

6.

Converts and quasi apostates with shining boots,
wearing caps with stars of David like swastikas
and with a strange, coarse, rotten lingo pulled
us from our houses, threw us down the steps.

7.

They broke through the doors, violently burst into boarded-up
Jewish houses, found us, beat us,
pushed us, young and old, toward the wagons,
spit in God's face, profaned the light of day.

8.

Took us from under beds, in closets, cursing:
"The wagon's waiting. Up you go, to hell, to the
station*, to death." Dragged us to the street while
searching for a last dress, kasha, bit of bread.

9.

Look in the street and you'll go crazy! The street's
dead or rather it resonates with cries and shouts.
The street's empty up and down but for wagons full of Jews,
in each one a long lament and outcry.

10.

Wagons full of Jews wringing their hands, tearing at their hair,
some silent ones' shouts are even louder.
They look 'round. Is it a nightmare they're in?
Jewish cops with boots and caps—poor me!

11.

The German stands off to the side as if laughing to
himself; he observes but doesn't intervene. Poor
me,— the German's made Jews kill my Jews.
Look at the wagons, the shame, the agony!

יב.
איך האָבּ געזען די װעגענער די פֿולע אין מײַן פֿענסטער... כ'האָבּ געהערט
די װײגעשרײען בּיז צום הימל און די קרעכצן שטיל און שטומערהײד –
אָ, װעגענער פֿון פּײַן בּאַלאָדן לעבּעדיג און צו דעם טויט געפֿירט! די פֿערד
זײ זען' געגאַנגען, און די רעדער אויך, זײ האָבּן זיך געדרײט...

יג.
אָ נאַרישע איר פֿערד, װאָס לאָזט איר הענגען טרויעריק די קעפּ?
װאָס דרײט איר אומעטיק זיך רעדער? צי װײסט איר װאו אַהין
איר פֿאָרט און װאו אַהין איר פֿירט אװעק זײ? װאו אַהין איר שלעפּט
די אײדעלע, די טעכטער פֿון מײַן פֿאָלק, מײנע די געראָטענע די זין!

יד.
אַך װען איר װײסט – איר װאָלט צעהירזשעט װילד זיך, זיך געשטעלט
אויף די הינטערשטע די פֿיס און די פֿיס די אויבּערשטע װי הענט
װי מענטשליכע פֿאַרבּראָכן אין פֿאַרצװײפֿלונג פֿאַר דער גאַנצער װעלט,
און די רעדער, רונדיקע – זײ װאָלטן דרײען זיך ניט מער געקענט...

טו.
זײ װײסן ניט און פֿאָרן, זײ פֿאַרקירעװען פֿון נאָװאָליפּקי, זעט
אויף זאַמענהאָף, דער װעג צום אומשלאַק אָפּגעצוימט, דאָרט װאַרט
אַ צוג, װאַגאָנען װאַרטן, לײדיקע, זײ פֿירן אַלע אונדז אװעק, העט, העט –
און קומען מאָרגן לײדיקע אָן װידער... אָ שרעק אין מיר פֿאַרשטאַרט!

22.10.1943

12.

From my window I've seen the wagons full,
heard cries of grief rising skyward, silent, muted moans.
O wagons of sorrow full of the living en route to death.
Horses are moving, wheels turning.

13.

O stupid horses, why hang your heads so sadly?
Why, wheels, do you turn so slowly sad? Maybe
you know where you're carrying the noble daughters
of my people, my brilliant sons?

14.

Ah, if you knew, you'd savagely neigh, rear up and
like wringing hands, your legs both front and back
would buckle like legs in despair before all the world
and you wheels would stop turning 'round.

15.

But they don't know. They move on, turning from
Nowolipki Street to Zamenhofa Street going to the station
where the train's waiting to take us away,
return empty tomorrow. My blood's freezing up!

## ד. זיי זענען דאָ שוין די וואַנאָנען ווידער!

א שרעק, א מורא אימה׳דיק, א פחד גרויס באַפאַלט מיך, נעמט ארום מיך פעסט –
זיי זענען דאָ שוין, די וואַנאָנען ווידער! נעכטן ערשט, פאַרנאַכט – אַוועק –
און היינט – זיי זענען דאָ שוין ווידער, זיי שטייען אויפן אומשלאַק שוין... דו זעסט,
די אָפענע די מיילער? זיי האָבן אויפגעעפנט זיי אַ שרעק!

ב.
זיי ווילן נאָך! זיי ווילן ווידער שוין, זיי ווערן נאָר נישט זאַט,
זיי שטייען שוין און וואַרטן – יידן! ווען ברענגט מען זיי אַהער?
הונגעריקע – ווי זיי וואָלטן נאָך קיין ייד אין מויל אין זייערן געהאַט...
געהאַט! און אז געהאַט איז וואָס? זיי ווילן מערער נאָך, זיי ווילן מער!

ג.
זיי ווילן נאָך, זיי שטייען שוין און וואַרטן ווי געגרייט א טיש,
און גרייט צום עסן – יידן! אהער זיי, וויפל ס׳וועט אריין!
יידן! ס׳אלטע פאָלק מיט קינדער יונגינקע, יונג אזוי און פריש,
יונגע טרייבן פון אַן אלטן צווייג, און יידן אלט ווי אלטער, שטאַרקער ווייַן.

ד.
מיר ווילן נאָך, נאָך יידן... וואַנאָנען ווי גזלנים קאַלט און האַרט,
זיי שרייען: נאָך! און מער נאָך! זיי ווייסן ניט פון קיין גענוג,
זיי שטייען שוין און וואַרטן אויפן אומשלאַק... מען וואַרט אויף אונדז, מען וואַרט,
וואַנאָנען תמעוואַטע, ברייט געעפנטע א סך, א גאַנצער צוג.

ה.
זיי זענען פול געווען דאָ ערשט, געשטיקט פון יידן זיך דערשטיקט,
יידן טויטע זען׳ געשטאַנען נעכטן צווישן לעבעדיקע דאָ געפּלעפּט –
טויטע זען׳ געשטאַנען און פאַלן ניט געקענט אין דעם געדריק,
נאָר ס׳איז געווען ניט קאָנטיק ווער פון זיי איז טויט און ווער עס לעבט.

# 4 They See The Railroad Cars Have Already Returned

1.

Horror and fear assail me, suffocating me—the
railroad cars have already returned that left only
last evening and now are back ready for another
Umschlag; you see with mouth agape in horror.

2.

They're still hungry. Nothing satisfies them.
They're waiting for Jews! When will they be brought?
Famished, as if they'd hadn't already
devoured Jews; but more, they're wanting more.

3.

Not just more, they're waiting to be served an
humungous quantity of us! Here they're going
down into! Old folk, young kids, the youngest fresh
grapes of an older life, old Jews like vintage wine.

4.

We want more, many more, the train-cars shout
like cold, ruthless criminals: More. They've never
enough! They're waiting at the Umschlag station;
cars of the train waiting, waiting for us.

5.

Other Jews have filled the cars suffocatingly,
dead Jews imbedded with the stupefied living,
dead on their feet, not able to fall in that crowd,
dead ones impossible to distinguish from the living.

ו.

בײם טויטן ייִדן האָט זיך לעבעדיק געשאָקלט הין און הער דער קאָפּ,
און פון דעם לעבעדיקן האָט געגאָסן זיך דער טויטער שווײס;
אַ ייִדיש קינד בעט בײַ זײַן טויטער מאַמען: וואַסער! גיב וואַסער מיר אַ טראָפּ!
ער שלאָגט איר מיט די הענטעלעך אין פּנים: לאָז! עס איז מיר הייס!

ז.

און נאָך אַ קינד, אַ קלײנינקס אויף זײַן טויטנס פאָטערס הענט –
יאָ, קינדער, כאָטש פאַרחלש'טע, פאַרשמאַכטע – קינדער האַלטן אויס!
דער טאַטע זײַנער, כאָטש אַ גרויסער – האָט ניט אויסהאַלטן געקענט –
ס'קינד ווייסט ניט, ס'בעט זיך אַלץ נאָך: קום! קום טאַטע! קום ארויס!

ח.

און ווײַט דאָרט אין וואַנאָן, אין יענער זײַט דאָרט, אין יענעם עק וואַגאָן
איז עפּעס פאָרגעקומען, האָט וואָס פּאַסירט און קײנער ווייס ניט וואָס?
דער עולם אָבער שמייכלט, דער עולם אָבער שטויסט זיך אָן,
ס'איז עמיצער ארויסגעשפּרונגען דאָרט... הערט, הערט אַ שאָס!

ט.

ס'איז ווער ארויסגעשפּרונגען... און ייִדן שמייכלען, מען ניט פאַרשטומט אַ לאַך,
אָ, ייִדן טײַערע, אָ, ייִדן הייליקע איר מיינע וואָס איר זײַט!
וואָס פרייט איר זיך? הערט דער אוקראַאינער – ער שיסט אראָפּ פון דאַך,
איז וואָס? אַבי ס'איז ווער ארויס! אַבי עס האט זיך עמיצער באפרייט!

י.

און אַז אַ קויל איז וואָס? עס ווינטשן אלע זיך דאָ אין וואגאָן אַ קויל –
זי מיידט דאָך קײנקס ניט! בעסער שוין זי טרעפט אונדז פריי אין פעלד,
איידער... וואו? וואו פירט מען אונדז? ווער זאָגט עס ווידוי מיט'ן פולן מויל?
זאָגט נאָך! זאָגט אלע נאָך – און ס'ווארפט פון היטץ אייך אלעמען אין קעלט.

יא.

ליידיקע וואגאָנען! איר זענט ערשט פול געווען, יעצט זענט איר ווידער לער,
וואו האט איר זיי א הינגעטאָן, די ייִדן? וואָס איז מיט זיי געשען?
צענטויזנט אָפּגעציילטע און פאַרחתמ'עט – ווי קומט איר ווידער דאָ אהער?
אָ, זאָגט, וואגאָנען, מיר, וואגאָנען ליידיקע, זאָגט, וואו זענט איר געווען?

6.

The head of a dead man shakes as if it were alive
and could filter the living sweat of the dead man.
A child begs his dead mother, "Water/a drop water"
with tiny fists beats her head, "I'm thirsty, momma."

7.

Another kid's in the arms of his dead father, yes,
kids, even if weak and prostrate, are resisting. The
father, even if adult, can't do anything. The kid,
not knowing, is imploring, "Daddy, let's go from here."

8.

And on the train, in one of the corners of a car,
something's happening. Anyone know what?
Everyone's smiling and making suppositions:
someone's jumped....Listen, listen, a shot!

9.

Someone's jumped, and all are smiling, laughing
in silence. Oh dear Jews, my holy Jews, why are
you happy? Listen: the Ukrainian's firing from the roof.
But look. Someone's out. Someone's free!

10.

Did he catch a bullet? Would that all would and
no one be saved. Better to die here among trees
than...Where? Where are they taking us? Who'll
recite Viddui*? Repeat it, it'll make you shudder.

11.

Empty cars! You were full, now empty again.
What's been done to the Jews? Where have they
finished? 10 thousand were loaded, now you're here again.
Tell me, train, where you've been?

יב.
איר קומט פון יענער וועלט, איך ווייס, זי מח ניט זיין נאָר ווייט,
ר׳זענט נעכטן ערשט אוועק פון דאנען אָנגעלאָדענע און היינט – איר זענט שוין דאָ!
וואָס איילט איר זיך אזוי וואנאָנען? וואָס האָט איר ניט אזוי קיין צייט?
איר ועט ווי איך גיך אלט ווערן, ווי איך צעבראָכן, אלט און גראָ.

יג.
פון צוקוקן אליין, פון צחען אלץ, פון צוהערן דאָס אלץ – נעוואַלד!
ווי האלט איר׳ס אוים, און כאָטש איר זענט פון אייזן און פון האָלץ!
אָ, אייזן! ביסט אין דר׳ערד נעלעגן טיף, אָ אייזן, אייזן קאַלט,
אָ האָלץ, דו ביסט א בוים נעוואַקסן אויף דער ערד, אי הויך, אי שטאָלץ!

יד.
און יעצט? איר זענט וואנאָנען, לאַסט־וואנאָנען יעצט, איר קוקט זיך צו,
איר שטומע עדות פון אַ לאַסט אזא און פון אזא אַ פיין און פון אזא א נויט!
איר האָט זיך שטומע און פארמאכטע צונעקוקט, אָ, זאָגט וואנאָנען, וואו
איר פירט, איר האָט דאָס פאָלק, דאָס יידישע ארויסנעפירט צום טויט?

טו.
איר זענט ניט שולדיק, מען לאָדנט אָן אייך דאָ און מען זאָגט אייך: פאָרט!
מען שיקט אייך אָפּ מיט פולן, מען טרייבט מיט ליידיקן אייך צריק אהער –
וואנאָנען איר, איר קומט פון יענער וועלט, אָ זאָגט מיר, זאָגט א וואָרט,
ניט רעדער זיך אַ דרייַ, דערציילט, און איך, איך לאָז די טרער...

26.10.1943

12.

You return from the other world. I know it’s not far
away. Just yesterday you left packed and today you’re back.
Why the rush? Do you have so little
time? Soon you’ll be old like me, worn-out, grey.

13.

Just looking, seeing, feeling all this—Gewald!*
What can you do, even if made of iron or wood!
O iron, cold iron, prostrate yourself deep in earth.
O wood, one day you’ll be a tree, lofty and proud.

14.

And now? Now you’re train-cars and watching,
Mute witnesses of such a burden, such a pain.
In silence you’ve observed everything. Oh tell me
where you’re going to carry the Jews to death?

15.

It’s not your fault. They loaded and told you, Go!
They made you leave full and come back empty.
You who return from the other world, tell me,
I beg you, wheels, talk to me and see me weeping.

## ה. די זיצונג אין דער קהלה װעגן צען...

דערציילט, דערציילט װאַנאָנען, איר זענט געװען די איינציקע אויף דער לויה, איר –
אָ, טויטן־קאַסטנס איר, איר האָט זיי לעבעדיקערהייט געפירט אין לעצטן װעג,
איר, טויטע איר, איר האָט געפירט די לעבעדיקע צו דער קבורה, ר'האָט געפירט
אין לעצטן װעג זיי... און עס ענטפערן די טויטן־קאַסטנס אָפּ: ניט פרעג...

ב.
דערציילט, דערציילט, כאָטש איך װייס מער פון אייך, איך װייס פון אָנהייב אָן,
איך האָב געזען דאָך די מודעה, דער קהלה־ראַט אליין, ער האָט די שטראָף
אונטער איר געשריבן... יאָ, מען האָט עס אים געהייסן און ער האָט'ס געטאָן –
זעקס טויזנט אין אַ טאָג! איך װייס דעם אָנהייב... איר, איר װייסט דעם סוף.

ג.
דערציילט, איך װייס דעם אָנהייב נאָר... דער אָנהייב איז ניט אלץ, איך װיל
איר זאָלט דערציילן מיר דעם סוף, דערציילט... צי שטערט אייך מיין געװיין?
דערציילט דעם סוף מיר, איר דערציילט און איך װעל הערן און װעל װיינען שטיל,
דערציילט, איך בין א פעלז געשלאָגן און ס'גיסט פון מיר זיך, ס'קאַפּעט פון אַ שטיין.

ד.
דערציילט, דערציילט! אַ ניט װעל איך דערציילן... יאָ, איך אליין דערצייל
און איך, איך װיין אליין... באַװיינט, אָ אויגן מיינע, װאָס איר האָט געזען,
אָ טרומנעם, טרומנעם שטום, ס'איז דאָ װאָס צו דערציילן אין דעם לעצטן טייל,
צי װייסט איר װי פון יידן, זעקס טויזנט אין א טאָג ז'געװאָרן צען?

ה.
איר האָט דאָך עהערנעכטן זעקס אװעקגעפירט! זעקס טויזנט יידן נאָר,
געפירט, אװעקגעפירט צום טויט זיי, אלע זיי, װאָס עפּעס נעכטן מער?
צענטויזנט! גאנצע צען! עס זאָל פון זיי ניט פעלן חס ושלום ניט קיין האָר!
און באלד אויפמאָרגן, נאָך די ערשטע זעקס, א שפּרונג אזא – הערט, הערט:

# 5 The Jewish Council On The Question Of The Ten Thousand

1.

Speak, train-cars, you that were funeral-present,
o coffins, you that've accompanied the living on their final road, and
you dead that've led the living to their tombs…
But the coffins respond: Don't ask.

2.

Tell, though I don't know more of you, I know how it all began,
I've seen the Jewish Council sign
the sentences; they were ordered and obeyed—
6,000 a day! I know the beginning, you the end.

3.

Speak! I know the beginning isn't all. I'd like you to tell me the end…
Or would my weeping disturb?
Speak to me of the end. I'll listen and weep in
silence, a beaten stone tears are gushing from.

4.

Speak, because I won't, I'll tell it to myself alone
and weep alone. O cry, eyes, over what you've
seen; O mute cars, tell me how it was, in the end,
that 6,000 Jews a day turned into 10,000?

5.

Didn't you carry off 6,00 the other yesterday? And
then wanted still more? 10,000 and not one less!
And not a single hair from them would be left and,
next morning, from the first 6,000—what increase!

ו.
מען האָט אַרײַנגעריסן זיך ווי חיות ווילד אין קהלה־הויז, צום "עלטסטן ייד",
צו טשערניאַקאָוון, צום פּרעזעס פון דער קהלה, און געזאָגט צו אים אַזוי:
מיר ווילן ניט קיין זעקס! זעקס טויזנט ייִדן ווילן מיר שוין ניט,
מיר ווילן צען! צען! צען! אַזוי האָט מען געזאָגט אים: קורץ און שאַרף און רוי.

ז.
און היינט נאָך זאָל אַרויסגעהאָנגען ווערן צו די ייִדן אַלע אַן אַפּיש:
צען טויזנט אייך, מאָרגן נעמט מען צען שוין אַ י י ע ר ע! – און מען איז אַוועק.
דער פּרעזעס פאַלט אַ בלאַסער אין זײַן טיפן שטול, בײַם גרינעם טיש...
דו שרײַבסט? ווערסט אונטערשרײַבן צען? מיט וויפל זענען מערער צען פון זעקס?

ח.
טשערניאַקאָוו? אינזשיניער טשערניאַקאָוו? אַדאַמיע? הער, דו הערסט?
און צען? ס'איז טאַקי מער... יאָ... הער נאָר, הער אַדאַמיע... וואָס?! וואָס פאַלט דיר אײַן? דו מיינסט
עס איז אַן אמת? האַ? דײַן סעקרעטאַרקע איז'ס... זי ווייס ניט וואָס דו קלערסט,
וואָס שיקסטו זי אַרויס, אַדאַמיע? אַך דו וויינסט, דו וויינסט, דו וויינסט...

ט.
וואָס וויינסטו? אָ, דו ביסט נאָך אַלעמען אַ וואַוילער מענטש... נאָר צווישן אונדז גערעדט
אַ קנאַפּער ייד... עס גייט דיר דען אין צען? אויף זעקס, האַ, גייסטו אײַן?
ביסט עפּעס בייז – אויף ווער מען, זאָג? אַהאַ, אויף זיך... דאָס קלאַפּסטו זיך על־חטא,
סמ'סט זיך... עך, מאַך'ס גיכער, גיך... באַלד קומט דער גאַנצער קהלה־ראַט אַרײַן!

י.
דו ביסט אַ קנאַפּער ייד, אַדאַמיע, דו סמ'סט זיך נאָר, דו הרג'עסט זיך אַליין?
אַ ייִדן הרג'עט מען... אַך, אויף געהרג'עט ווערן פּאָדערט זיך אַ גרעסערע אַ קראַפט...
נאָר נאָרניט... נאָרניט... טרינקסט? דו וואַשט, אַדאַמיע, זיך, דו וואַשט זיך ריין?
דײַן לעבן, יאָ, דײַן לעבן – ערב שמד... דײַן שטאַרבן האָט אַ גרעסערן אַ האַפט.

יא.
וואָס קומט אַרויס? דו ניט, דו טאַקי – ניט, נאָר ער, דער קהלה־ראַט, דער ראַט –
ער וועט דאָך אײַנגיין... ס'ווענדט זיך דען אין אים? עס איז דאָך נאָר פּראָ פאָרם...
זיי ווילן צען... גיי מאַך! די זעלבע ספקות נעבעך וואָס דו, אַדאַמיע, האָסט געהאַט
בײַ זעקס... גיי מאַך... עס טאָטשעט זיי, עס עסט זיי נעבעך טיף דער זעלבער וואָרם...

6.

How the beasts entered the Community house of
"old Jews" and told its Leader, Czerniakow:
"6,000 isn't enough. We don't want just 6,000
Jews. We want 10,000." A firm, dry, violent order.

7.

"And from this day of proclamation-made-public,
tomorrow 10,000 Jews will be chosen."
The Leader turned pale at his green table
Will you sign it? For 10,000 Jews instead of 6,000?

8.

Czerniakow, engineer Czerniakow, Adam, listen,
will you obey? Give 10,000? That's really much
more. Listen, Adam. Why are you sending your
secretary outside. Ah, you're crying, weeping.

9.

Why weep? After all, you're a brave man.
Told us you don't feel so Jewish. Is that why ten
when six you agreed to? You're a bit angry;
who with? Ah, yourself. Rushing before the Council's arrived.

10.

You're an almost Jew, Adam. Want to poison your
self? Suicide? A Jew kills himself but asks for
a greater power. Drinking? Washing yourself clean?
On living baptism eve, your dying's more coherent.

11.

So who's served? Certainly not you. Councilmen'll
announce it. Will it touch them? It's just a formality.
They want 10,000. The same doubts you had,
poor Adam, with 6,000. Soon they'll torment you.

יב.
אדאמיע... טס... ר׳איז טויט שוין, דער פּרעזעס זיצט א טויטער אין זיין שטול און וואַרט,
די אויגן צו אין אָפּענעם געזיכט, דער קאָפּ פאַרוואָרפן – זיצט ער אויבן־אָן –
דער ראַט קומט אָן, קלאַפּט אָן – וואָס האָט ער זיך, דער פּרעזעס, דאָרט פאַרשפּאַרט?
ער האָט דעם ראַט צונויפגערופן א אייליקע א זיצונג... קלאַפּט! קלאַפּט אָן!

יג.
עס האָט זיך זיי געדאכט אז עמיץ זאָגט פון אינעווייניק זיי: אריין!
עס האָט זיך זיי געדאכט נאָר... יאָ, דער פּרעזעס זיצט א טויטער אויף זיין שטול –
פּרעזעשיע? דו? דו האָסט דאָך אונדז גערופן? א זיצונג דארף דאָך זיין!
מיר זענען דאָ... מיר האָבן צונעשטעלט זיך אלע, דער קאָמפּלעט איז פול!

יד.
און יעצט? וואָס יעצט? טעלעפאָנירן – ניין... זיי וועלן זיין אין כעס...
זיי וועלן... זאָגט ניט, נאָר נישט! ר׳לעבט, כאָטש טויט... וואָס יעצט?
יעצט אָפּהאלטן די זיצונג – צען! יאָ צען!... שטיל, שווייגענדיק און בלאַס
האָט זיך דער קהלה־ראַט געזעצט ארום דעם גרינעם טיש... זיי האָבן זיך געזעצט –

טו.
דער פּרעזעס אויבן אָן, און שפּעטער זיי, די מיטגלידער פון גאנצן ראַט,
עס האָבן אויפגעשטעלט די האָר זיך אויפן קאָפּ, דאָס בלוט האָט אין די אָדערן געפרירט, –
ס׳נעמט עמיצער דאָס וואָרט – די צונג אין מויל האט אים געציטערט ווי א בלאַט,
אלע הערן אוים... דער טויטער פּרעזעס פירט די זיצונג, – ווי ער וואָלט געפירט.

29.10.1943

12.

Adam, shh, he's dead, sitting in his seat, waiting,
eyes closed, head bent at the head of the table.
Councilmen are knocking at the door. Why's the
Leader locked in? No crisis is due. Knock-knock.

13.

They think someone said, "Come in!" but if it was just imagined?
Yes, he's sitting dead in his seat.
Dear Leader, perhaps you didn't call us? And the
Council? We're here. We've all come. All together.

14.

Now what to do? Telephone? No, they'll be furious.
Capable of…Say nothing, let's pretend he's alive.
And then? We'll hold Council.10,000, yes 10,000.
Mute, pallid Councilmen sitting around the table.

15.
Leader at the head, and then all Councilmen,
with straight hair and blood frozen in their veins.
One says a word, tongues tremble in mouths,
leaves in the wind. All listen. Adam presides as if alive.

## ו. די ערשטע

און ס'איז אוועק א נאכט: צו צען א טאָג, צען טויזנט יידן אין איין טאָג, דאס האָט
ניט לאַנג געדויערט, אָ, ניט לאנג, מען האָט גענומען באַלד צו פופצן טויזענט זיי –
די שטאָט מיט יידן – ווארשאָ! די ארומגעצוימטע, די ארומגעמויערטע די שטאָט
איז פאר די אויגן איינגעגאנגען מיר, איז אויסגעגאנגען, צעגאנגען ווי א שניי.

ב.
ווארשאָ! די אלט יידישע, די פולע ווי א שול יום־כיפור, ווי א מאַרק אויף א יאריד,
יידן ווארשאָווער, יידן האַנדלדיקע אויפן מאַרק, יידן דאַוונענדיקע אין די שול –
אזוי אומעטיק און אזוי פריילעך – אָ, פרנסה־זוכנדיקער און גאָטזוכנדיקער ייד!
ווארשאָ די פארמויערטע ארום, די אָפגעשלאָסענע – איז געווען מיט דיר ערשט פול!

ג.
יעצט ביסטו לער! יעצט ביסטו ליידיק! יעצט ביסטו אויסגעליידיקט גאנץ און לער!
יעצט ביסטו אַ בית־עולם, אַ בית־הקברות וויסט, און וויסטער נאָך, דו ביסט
גאסן אויסגעשטאָרבן – און מען זעט קיין מת אפילו זיך ניט וואַלגערן דאָרט מער,
און הייזער אָפענע און קיינער גייט ארויס ניט, ניט אריין אין הייזער וויסט.

ד.
די ערשטע אומצוברענגען זען' געווען קינדער, יתומים'לעך פארלאָזענע, עס הייסט
דאָס בעסטע אויף דער וועלט, דאָס שענסטע וואָס די ערד, די פינסטערע, פאַרמאָגט!
אָ, פון די עלנטסטע יתומים'לעך און קינדערהיימען וואָלט געוואָקסן אונדז אַ טרייסט,
פון די אומעטיקסטע, שטומע פנים'לעך, די חושך־דיקע, וואָלט געטאָגט אונדז, וואָלט געטאָגט!

ה.
יאָ, יאָ, איך בין סוף־ווינטער צוויי און פערציק אין אַ קינדערהיים אזא געווען
און קינדער, ערשט געבראַכטע פון דער גאַס, געזען, כ'האָב אין א ווינקל זיך פארוקט –
און האָב אין שוים פון אַן ערציערין א קוים צוויי יעריק מיידעלע געזען –
א מאָגערינקע, א טויט־בלאַסינקע און אויגן ערנסטע, איך האָב געקוקט, געקוקט –

# 6 The First

1.

So it went on: ten a day, 10,000 Jews a day.
But that didn't last long. Soon it was 15,000 they
wanted from Warsaw, city of Jews, the closed-off,
walled city dissolving before my eyes like snow.

2.

Warsaw! Full of Jews like in a Yom Kippur shul*,
like in an open market, who davend* and dealt,
so sad and so happy, who looked for bread and
looked for God. Walled city full only of the Jews.

3.

Now you're deserted! You've become empty!
You're a cemetery more desolate than necropolis.
Your streets dead but even empty of corpses,
your houses open but no one goes in or out.

4.

The first annihilated are the children, the orphans,
the best, most beautiful in this dark earth for us.
Those little orphans would be our consolation;
from their sad, mute forms would come daylight!

5.

Yes, at the end of winter '42 I was in an orphanage
where so many kids had arrived. I was hidden in a
corner but watched a girl-child about 2, thin, pale,
with big sad eyes, in the lap of the maestra.

ו.

כ'האָב אָנגעקוקט זי, די צווייַ יאָריקע, די אלטעטשקע, די באָבע – הונדערט יאָר איז דאָס יידישע, דאָס מיידעלע שוין אַלט, דער ערנסט אירער און איר גרויסע פּיין – דאָס וואָס די באָבע אירע האָט אין חלום ניט געזען האט דאָס מיידעלע געזען, און אויף דער וואָר,

איך האָב צעוויינט זיך און געזאָגט זיך: וויין ניט, די פּיין פארשווינדט און דער ערנסט וועט שוין זיין!

ז.

דער ערנסט בלייבט, ער ניסט זיך אין דער וועלט אריין, אין לעבן, און פּאַרטיפּסט'ס, דער יידישער דער ערנסט, ניכטערט אוים, וועקט אויף, רייסט ברייט אויף אויגן בלינד; ס'איז ווי א תּורה פאר דער וועלט, ווי א נבואה, ווי א הייליקע א שריפט –

וויין ניט, וויַין ניט... אַכציק מיליאָן רוצחים פאר דעם ערנסט פון א יידיש קינד.

ח.

וויין ניט... איך האָב געזען א מיידעלע פון אַ יאָר פינף אין יענעם "פּ ו נ ק ט"

זי האָט א וויינענדיקן ברודערל, א קלענערן א סך פון איר, א לייזדנדן גענערט...

זי האָט פאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט אין א מאַרמאָלאַד א שיטערן געטונקט

און קונציק אים אין מיילעכל אריינגעשמוגלט... מיר איז געווען באַשערט

ט.

צו זען עס, זען דער מאַמען, זען דער מאמען דער פינפיאריקער ווי זי שפּייזט אים, אירע רייד צו אים געהערט. מיין מאַמע, איינע אין דער וועלט, איז ניט ערפינדעריש אזוי געווען!

זי האָט א טרער אים אָפּגעווישט מיט א געלעכטער, אריינגערעדט אין אים אַ פרייד,

ס'יידיש מיידעלע! שלום־עליכם האט עס בעסער ניט געקענט. איך האבּ'ס געזען!

י.

איך האָב געזען דעם גרויסן עלנט דאָרט, אין קינדערהיים אין יענעם, כ'בין אריין אין צווייטן זאַל – דאָרט אויך, דאָרט אויך – עס האָט געיאָגט א ביטערע אַ קעלט.

פון ווייטן האָט אַן אייוון אויף א בלעך געוואָרפן אויף א הייפל קינדער העל א שיין,

עס האָבן קינדערלעך האַלב־נאקעטע ביים קאָקס, ביים גליענדיקן זיך ארומגעשטעלט.

6.

I watched that girl, who looked like a grandmother
a hundred years old, so serious and in such pain,
her own grandmother never could have imagined.
Then I wept. Sorrow will pass. Sadness remain.

7.

Sadness remains, penetrates life, leaves a deep trace.
Jewish sadness is reflected, wakens, opens eyes like
the Torah for the world, a prophecy. Don't cry.
80 million assassins for one girl's sadness.

8.

Don't cry. In that place I've seen a 5 year-old girl
dip a little piece of dry bread into a watery jam
and cleverly insert it into the mouth of her little
brother in tears. I've had the good fortune.

9.

of seeing that little momma nourish her kid and
hear her words. My extraordinary mother wasn't
so brave. Smiling, she wipes a tear, her words fill fi
him with a joy not even Sholem Aleichem could.

10.

I've seen the vast desolation of the orphanage,
went into another room and the cold was awful.
A tin stove sent a bit of light to a group of the
half-naked kids bunched around the hot coals.

יא.

עס האָט געגליט דער קאָקס. דער האָט א פיסעלע, דער א געפרוירן הענטעלע ארויס געשטעקט
דער א נאקעטע א פלייצקע, און איינער א שוואַרץ־קראוויניק, א בלאס יינגעלע, נאָך נאָר אַ יונגס,
ער האָט דערציילט א מעשה׳לע. ניין, ניט א מעשה׳לע! ער האָט געברויזט, ער איז געווען
אויפגערעגט –
ישעיה! דו, אָ דו, האָסט ניט געפלאַמט ווי ער, האָסט ניט געהאט אזא א יידישע א צונג.

יב.

ער האָט גערעדט א יידיש געמישט מיט לשון־קודש. ניין! ס׳איז לשון־קודש בלויז!
האָרך, האָרך, קוק אָן די יידישע, די אויגן זיינע, און דעם שטערן און ווי ער הויבט
דעם קאָפּ אויף... ישעיה! ביסט ניט קליין געווען ווי ער און נישט געווען אזוי גרויס,
ביסט ניט געווען גוט אזוי, ניט אמת׳דיק אזוי, און האָסט, ישעיה, ניט אזוי געגלויבט!...

יג.

און ניט אזוי דאָס יינגעלע אין יענעם קינדער־פונקט, דאָס יינגעלע וואָס האָט אזוי גערעדט,
נאָר זיינע שוועסטערלעך און ברידערלעך וואָס האָבן אים מיט מיילעכלעך מיט אָפענע
געהערט –

אָ ניין, איר לענדער אלע, אייראָפּאַ׳ס אלטע און נייאויפגעבויטע גרויסע שטעט,
אזוינס האָט דאָך די וועלט נאָך ניט געזען, ניט געהאט אזעלכע האט די ערד.

יד.

זיי זענען געווען די ערשטע אומצוקומען, די יידישע די קינדער, אלע זיי, דאָס רוב
אָן טאטע־מאמע. קינדער אויפגעגעסענע פון קעלט, פון הונגער און פון לייז,
משיחים הייליקע, געהייליקטע אין ליידן... אָ, זאָגט, פארוואָס די שטראָף?
פארוואָס אין אומקום־טעג די ערשטע צאָלן אים, דעם בייז, דעם העכסטן פרייז?

טו.

זיי זענען געווען די ערשטע, די גענומענע צום טויט, די ערשטע אויף דער פור,
מען האט געוואָרפן אין די וועגענער די גרויסע זיי, ווי הויפנס מיסט, ווי מיסט –
און אוועקגעפירט זיי, אויסגעהרג׳עט זיי, פארניכט זיי, ס׳איז קיין שפור
פון זיי, פון מיינע בעסטע, ניט געבליבן מער! אַך וויי איז מיר און ווינד איז מיר און וויסט!

2-4.11.1943

11.

They tried to keep their little feet, frozen hands
and shoulders warm. And a pale boy with black
eyes told a story. No, not a story. A blazing rage.
Isaiah, not even you could catch fire so eloquently.

12.

He spoke Yiddish mixed with Hebrew and Aramaic
but not only them. Listen and look at those Jewish eyes
front-up and how their heads rise. Isaiah,
you weren't so small nor so grand, good, true, faithful.

13.

And it wasn't just that boy who spoke in the shelter
but the sisters and brothers who heard him open-mouthed.
O nations, oh old and new European
cities, the world's never seen the likes of this!

14.

They were the first to die, those Jewish kids, poor
orphans gnawed by the cold, hunger and lice, so
many holy messiahs sanctified by suffering. But
why are they the first to pay evil the highest price?

15.

The first carried to death, first to enter the train,
thrown in there like little piles of shit, and then away
to be exterminated without a trace.
Of the grandest good, nothing remains. O poor, poor me!

## ז. צו שפּעט

ווײ מיר, איך האָבּ געוואוסט און מײנע שכנים אויך און יעדער אײנער ייד,
אַלע מיר פון גרויס בּיז קלײן, פון אַלט בּיז יונג – מיר האָבּן עס געוואוסט,
און ניט אַרויסגערעדט פון מויל עס... שאַ! מיר האָבּן זיך פאַר זיך אַלײן געהיט,
מיר האָבּן עס פאַרשרײַנן אין געדאַנק אין אונדזערן, פאַרשטיקט אין אונדזער בּרוסט.

ב.
אײדער נאָך עס האָבּן אויסוואורפן פאַרשפּאַרט אונדז אַלע אין די געטאָס ענג,
פאַר כּעלמנאָ נאָך, פאַר בּעלזשיץ, פאַר פּאָנאַרי נאָך, פאַר אונדזער ענד,
בּאַלד אָנהײבּ קריג, בּאַגעגנדיק אַ פרײַנד אין גאַס, פלעגן מיר, ווי איך געדענק,
אַראָפּלאָזן די אויגן אונדזערע און פעסטער, פעסטער זיך געדריקט די הענט.

ג.
ניט די ליפּן און די אויגן ניט, קײן וואָרט... די אויגן האָבּן זיך געשראָקן אויך
אַ הויכן קוק טאָן... בּליקן גיבּן אויס ווי ווערטער קלאָרע וואָס מען אַנט...
די הענט! די שטומע הענט – זײ האָבּן ניט געשראָקן זיך צו רײדן הויך –
תּקל, תּקל... ווי ווערטער ניט געזען און אויפגעשריבּן אויף דער וואַנט...

ד.
אָ, ניט נאָר מיר, די הענט! די הענט אין יעדער שטוב און יעדער שטײן פון גאַס
האָבּן עס געוואוסט ווי מיר, ווי מיר... אָ ווער? ווער האָט עס זײ געזאָגט?
עס האָבּן ניט אומזיסט אונדז אָנגעקוקט די הענט אומהײמליך שטום און בּלאַס,
און ס'האָבּן שטײנער ניט אומזיסט געקוקט אויף אונדז פאַרשווײגן און פאַרצאָגט...

ה.
אַלע מיר, מיר האָבּן עס געוואוסט, פיש אין וואַסער און פויגל אויפן דאַך,
די גויים אַרום אונדז: מען הרג'עט אויס אונדז! מען הרג'עט אַלע אונדז דאָ אויס!
און אָן אַ שום פאַרוואָס? און טו און מאַך! ס'איז אַ בּאַשטימטע, אַ בּאַשלאָסענע אַ זאַך:
אים אומבּרענגען, דאָס יידישע דאָס פאָלק, פאַרניכטן אים פון קלײן בּיז גרויס.

# 7 Too Late

1.

Veyismir, I knew it and so did my neighbors;
all Jews, big and small, old and young, knew it too,
and not a word from our lips. Shh. We looked at
ourselves, then hid the truth, buried it in our heart.

2.

Yet even before we'd been shut up in ghettoes,
before Chelmo, Belzec and Ponary, before our end,
before war broke out I remember meeting a
friend on the street, our handshake more intense.

3.

Our lips didn't move. No words. Eyes full of fright.
Looks up above can reveal what's frightening.
Hands, mute hands can fearlessly speak out loud:
tekl tekl* like invisible words written on a wall.

4.

Oh, not just us! The walls in every house, stones
on every street knew it like we do. Who told them?
Not for nothing have the sinister, mute, pale walls
and taciturn, desperate stones been watching us.

5.

All knew it: fish in the waters, birds on rooftops.
And the Gentiles around us, who'll exterminate us
all without reason. There's nothing to do. By now
it's decided to annihilate all Jews, little and big.

ו.

ווי נאָר ס׳האָט אויסגעבראָכן טעמפּ און מערדעריש ווי היטלער, היטלערס קריג,<br>
ווי נאָר עס האָט אריינגעריסן זיך אין פּוילן די באַרבאַרישע, די דייטשע האָרד,<br>
האָט דאָס יידישע דאָס פאָלק פאַרלאָזן זיינע שטעט און שטעטלעך – א קינד אין וויג<br>
איז ניט געבליבן, ניט געבליבן זענען אלטגעזעסענע אויף זייער אָרט.

ז.

מען איז געלאָפן, וואו? אָ פרעגט ניט קיינעם: וואוהין? וואו לויפט איר, וואו?<br>
און פרעגט ניט, קיינעם ניט: פאַרוואָס? וואויל דיר, דו ווייסט עס ניט... ניט פרעגן!<br>
און גיב קיין עצה ניט, ניט קיינעם, רייד ניט קיינעם אָפּ און רייד נישט צו...<br>
צי בלייבן אין זיין וואַרימער זיין היים, צי לאָזן זיך מיט אלעמען אין וועג...

ח.

אין דער היים... זיי רייסן זיך אריין אין היימען יידישע און טוען דאָרטן אָפּ –<br>
מען זאָל׳ס ניט זען, ניט הערן – מען טויט, און ערגער נאָך: מען פאַרשלעפּט! יאָ, מען<br>
פאַרשלעפּט,<br>
און אויף די וועגן – פול און ענג, זע, זע: די מעסערשמיטן – ווי נידעריק זיי לאָזן זיך אַראָפּ!<br>
דו זעסט די העלדישע, די פליער, די קוילנוואַרפערס איבער יידן׳ס אויסגעדאַרטע קעפּ.

ט.

ראָט נישט קיינעם גאָרנישט, דיין נאָנטסטן ניט, דיין נאָענטסטער – ער האָט<br>
פאַרצווייפלט אָנגעשטעלט אויף דיר די אויגן תחנונים׳דיק, אַ קנעכט, ווי׳אַ קנעכט<br>
בעט ער רחמים זיך: וואָס טוט מען? אַך, ווען דו וואָלסט געווען אפילו גאָט –<br>
זאָג אים גאָר נישט! גאָר נישט!... וואָס דו וועסט אים זאָגן וועט זיין שלעכט!

י.

אלע וועגן, אלע טראַקטן און שאָסעען האָבן זיך געבראָכן פון דער לאַסט<br>
דער יידישער... א לאַסט אָן זעק אויף פּלייצעס, אָן רענצלעך אין דער האַנט...<br>
מען איז געלאָפן שווער באַלאָדן מיט א שרעק, אין איילעניש געלאָפן און אין האַסט,<br>
און אָן אַ האָפענונג... אַך, אַן אַנדער לאַנד! ווי כאַפּט מען זיך אריין דאָ אין אַן אַנדער לאַנד!

6.

From the time murderous Hitler's war broke out,
and his barbarous order to enter Poland was given
Jews have left their cities and villages. Not a baby
in a cradle's remained. No one forever living there.

7.

All fleeing, whereto? Don't ask anyone on the run.
Or why. Lucky you who don't know! Don't ask!
And don't give anyone advice. Don't talk to anyone
but stay in your warm house, leave us on our way.

8.

They bust into Jewish homes to do their dirty work.
Better you don't see or hear them kill, even worse drag away,
but look! on crowded narrow streets a diving
Messerschmitt's firing at ducking heads.

9.

Say nothing to anyone, not neighbor or parent who
desperately beg you with slave-eyes, asking pity.
What to do? Even if you were God, say nothing,
nothing. Everything that can be said isn't good.

10.

All roads, streets and highways are broken under
the weight of the Jews. Without shoulder-bags or
bundles in hand, running in terror shouting with
one hope: if they could only enter another country!

יא.

צו שפּעט! צו שפּעט, נאָך עהערנעכטן, נעכטן נאָך, היינט פּרי האָט מען געקאָנט
מיט אַן אויטאָבוס, א צוג, א שלעפּצוג... און צו א גרעניץ ערגעץ־וואו –
יעצט איז שוין שפּעט... וואָס יעצט? די פּיס ווי אָפּגענומען און די העהט, – ס׳פּאַלן אָפּ די
העהט –

צו שפּעט! יעצט זענען אלע אויסגענגג שוין פאַרמאַכט און אלע טירן צו...

יב.

אין ראַדיאָ האָט גערעדט א דייטש אויף פּויליש: ״שוין! מיר גייען שוין! מיר קומען אָן!
מיר מאַרשירן שוין אריין. זאָל קיינער זיך פאַר אונדז ניט שרעקן, קיינער ניט!
מיר ווען דער ציווילער, דער באַפעלקערונג, דער רוהיקער קיין שלעכטס נישט טאָן,
דער ייד!״ – האָט ער אין ראַדיאָ זיך צעשריען הויך! – ״זאָל שרעקן זיך דער ייד!״

יג.

עס איז געווען מיטוואָך, דער מורא׳דיקער מיטוואָך, אזיינער צווי בײנאַכט –
און יידן האָבן זיך פאַרצווייפלט אוועקגעלאָזט אויף וועגן איבער פּוילן... די אַהין,
און יענע דאָרטן אהער... אָ, נאָט, מען גייט דאָך זיכערער און פרייער אין אַ שלאַכט,
נעמען זיך דאָס לעבן אויף דער מיאוסער דער ערד דאָ האָט מערער שוין אַ זין!

יד.

מען איז געלאָפן פון בענדין קיין טשענסטאָכאָוו, קאַלישער קיין לאָדז און לאָדז האָט זיך
געלאָזט
קיין וואַרשאָ, וואַרשאָווער – זיי אויך, זיי זענען אויך אין שרעק אוועק, פאַרלאָזן זייער היים,
יידן פון דער פרעמד האָט אין היימען יידישע פאַרוואָרלאָזט ארומגענומען פרעמד א פּראָסט,
און די שרעק, די שרעק פון וועלכער מ׳איז אנטלאָפן באַפאַלט פון יעדן ווינקל זיי געהיים.

טו.

דאָס גאנצע פאָלק, דאָס יידישע, די ד אָ א י ק ע, די מאַסן פונם בונד,
די בלומרשט פרומע, די אגודה׳ניקעס, די ציוניסטן, די וואָס האָבן שיין גערעדט –
לומפּנהענדלער – אלע האָבן פלוצלונג אויפגעכאַפּט זיך – ס׳האָט געפלאַצט די וואונד!
קיין ארץ־ישראל, ראַטעווען זיך... ראַטעוועט! נאָר ס׳איז געווען צו שפּעט.

7-12.11.1943

11.

Too late! Yet yesterday one could take bus, train
or sleeper, reach the frontier. Now's too late. What
can one do? Feet and hands are broken. Too late!
By now all ways out are blocked. all ports closed.

12.

On radio a German says in Polish: "We're arriving!
No one need be afraid of us, no one! We don't
intend to do any evil to the tranquil civil population
but Jews (he add shrieking) should be afraid."

13.

It was the Wednesday of horror at 2 a.m when the
desperate Jews were thrown to streets of Poland.
O Lord, it's safer, freer if one goes to war, or more
sensible to take one's life on this miserable earth.

14.

They ran to Bedzin, Czestochowa, Kalisher, Lodz, from there to
Warsaw, but even there Jews were
abandoning their homes and a desolate freezing
cold welcomed them with terror on every corner.

15.

All the Jews, anti-zionists, Bundists, the Pious and Orthodox,
the Zionists, those who pass judgment,
the lumpen all suddenly awake.The wound grown.
Let's to Israel and save ourselves. But it's too late.

## ח. איין חרובע, איין אומגעבראכטע היים

צו שפּעט פאַרמאַכט די וועגן אַלע, און אַלע גרענעצן און דורכגענג אויף אַ שלאָס,
די ערד האָט זיך פאַרשלאָסן אין דער נידער דאָ פאַר אונדז ווי דער הימל דאָרטן אין דער הויך,
מען איז אין אַנגסטן גרויס דערגאַנגען ביז לובלין און ווייטער נאָך... יעצונדער – וואָס?
דער טויט – ער איז פאַרלאָפן אונדז דעם וועג, מיט בלוט, מיט פייער און מיט רויך.

ב.
מען איז געלאָפן און נעבעך ניט דערלאָפן... אַך, די דערלאָפענע מיט גליק,
די אָנגעקומענע מיט פּיס געשוואָלן און אין וואונדן, כּלומרשט צו אַ ציל –
זיי קוקן פינסטער און פאַרצווייפלט זיך אַרום, און ווילן צריק, צוריק!
צוריק אַהיים! יאָ, מיר פאַרקירעווען צוריק אַהיים – זאָל זיין שוין וואָס עס וויל!

ג.
מען האָט פאַרקירעוועט צוריק... אָ, וועגן טרויעריקע צריק, אָ, גאָט!
דערזעלבער גיהנום, אַך ווי גייענדיק אַהער, דער זעלבער שווידער, די זעלביקע געפאַר –
נאָר וואָס? אַ היים! אויב אומקומען איז אין דער אייגענער דער שטאָט,
און אין מיין גאַס, אין שטוב אין מיינער, אין מיין בעט... אַהיים! אַהיים אין צער.

ד.
מען האָט געלאָזן זיך צוריק... דער, נעבעך, איז דערגאַנגען... דער צווייטער, נעבעך, ניט...
יעדערער פון זיי – צי אויפן וועג, צי אין דער היים שוין – האָט געענדיקט שלעכט!
אַ מענטש, צי אויפן וועג דערהרג'עט, צי אויף אַ בוים אין וואַלד געהאָנגען – איז אַ ייד!
און אַן אַהיים געקומענער אַ ייד – ווייס פון קיין היים ניט, ניט אין טעג דאָרט, ניט אין נעכט.

ה.
ער טאָר ניט ווייזן זיך... אין שטוב ניט, ניט אין הויז, אין גאַס ניט וואו ער וואוינט,
מען האָט אים שוין געזוכט, אַ דייטש, אַ פּאָליאַק נעכטן און שוין אַ פאָלקסדייטש היינט...
"דו דאָ? ביזט ניט אוועק! איך האָב געמיינט, דו האָסט געראַטעוועט זיך..." רופט אויס דערשטוינט
אין אַ הינטערגאַס אַ צופעליק געטראָפענער, דערשראָקן שטאַרק, אַ גוטער פריינט.

# 8. A Destroyed, Broken Home

1.

Too late, all roads closed, streets blocked, borders
barred. Earth's closed to us, down here as the sky
above. Driven by deep angst we went to Lublin, other places.
Death preceded: blood, fire, smoke.

2.

We ran without aim, ah, with those fortunate to have one,
arriving with feet swollen, bleeding,
Looking 'round, desperately wanting to go back,
Back home. Yes, return, whatever happens will!

3.

So we went back. O that sad road back, O God!
The same hell, desolation, shudders, dangers,
but we're home! If one must die, better in one's
own city, street, room, bed, at home! In sorrow.

4.

One poor guy arrived back. But a second—no…
All on the way back home had a brutal finish!
A guy killed in the street and hanged is a Jew!
Jews return to no home, both day and night.

5.

One can't be seen, neither in house or on street.
A German yesterday a Pole today a turncoat's
looking for you. "You're here? Didn't flee?
Thought you'd be saved?" said a friend met in an alley.

ו.
די שולן זענען שוין פארברענט, די ספרי־תורות אויך, די רבנים שוין פארפייניקט... דו!
ביסט אין א שול געווען שוין? דער ארון־קודש שטייט ביים מזרח־וואנט, דו ווייסט!
און די בימה איז אין סאַמע מיטן שול. און דער רב ר׳ יאָסעלע... וואו איז ער, וואו?
ער לויפט ארום דער בימה... מיט א שפיצרוט גראָב א דייטש צעווישן דייטשן, אז ער הייסט...

ז.
דער רב איז אַלט, ר׳איז נידעריק געוואָקסן, דער קאַרק איז אויפגעהויבן הויך, ניט גלייך,
און א שבר אויך, ניט שיין, אַיאָ? ער בויגט אין דרייען זיך און לויפט... אָט, און ער פאַלט!
א שפיצרוט טרעפט אין הויקער יעדעם מאָל, דער דייטשער עולם קוקט און קייכט...
הויב, רבי, אויף דיַין ליכטיגן דיין פנים און פארשעם זיי... ניין, באהאלט, באהאלט

ח.
דיין הייליקן דיין פנים, רבי! פון דיין פנים פאלט דאָך גרוים א ליכט –
זאָל דיין ליכט אויף זיי ניט פאלן, זאָל די זון פארשייט מטמא זיין איר שיין,
זאָל דער הימל הויך מחלל־זיין זיין בלוי און ווייזן זיך פאר זייער טרפה׳נעם געזיכט!
ביסט שענער, רבי, פאר דער זון און ערליכער פון הימל, זאָלסט ווי זיי ניט זיין!

ט.
שטיי, רבי, שטיי... דער דייטש ער בייזערט זיך, ער הייסט דיך בלייבן שטיין,
ער הייסט דעם מויל דיר אויפרייסן, רייס אויף... דער שמש דארף א שפיי טון דיר אין מויל,
דער רב האָט אויפגעריסן ברייט אים, דער שמש, נעבעך פלאַצט ארוים אין א געוויין –
ווי קען איך, האַרעלע? ווי קען איך אים, דעם רב, דעם רבי׳ן אונדזערן? אַזאַ א גרויל!...

י.
"שפיי אריין, שפיי גיך אריין אין מויל מיר, דו נארישער, דו שמש וואס דו ביסט!"
דער שמש פאלט דעם אָפיציר צו זיינע פיס: ווי קען איך, האַרעלע? ווי קען איך שפייען,
ס׳טייטש?
ס׳איז אונדזער רב, ס׳איז יאָסעלע... דער רב שרייט "שפיי! ער צילט אין דיר און שיסט!"
דער שמש פאָלגט און ווי ער וואָלט א שפיי געטאָן... דאָ האָט א שטוים געטאָן אים שטארק
דער דייטש

6.

They burned the shuls, Tora scrolls, tortured rabbisto death.
Were you already in the shul? The Holy Ark, the east wall.
Where's Rav Yossele? Running around the bima,
a German after him with a whip.

7.

The Rav's old, small, hunchbacked, lame, with a hernia,
not pretty. Bent in two, he's falling. Each whiplash on back,
the German panting. O Rebbe, lift your luminous face,
shame them. No...hide!

8.

From your holy face such a light radiates, Rebbe.
It mustn't fall on them. May a profane splendor of sun,
corrupt blue of sky fall on those wicked faces.
O Rav, more beautiful than sun, honest than sky.

9.

Stop, Rebbe, stop. The furious German's ordering
you to stop and open your mouth wide; shames* is
going to spit in it. The rabbi opens it. The shames
bursts out crying: "But how can I do this horror?"

10.

"Come on, spit in my mouth, don't be foolish." The shames
throws himself at the official's feet: "How can I spit?
He's our rabbi, he's Yossele." The Rav shouts, "Spit, don't you see
he'll kill you?" The shames pretends spitting. Nazi whacks him hard.

יא.

"קוק, קוק זיך איין און לערן אויס זיך, שמוציקער דו ייד, קוק ווי אזוי מען שפּייט –"
און ס'האָט דער דייטש אין אָפּענעם אין מויל אין רבֿ אריינגעכראַקעט "שלינג'ס אראָפּ!"
דער רבֿ ער האָט אראָפּגעשלונגען און ס'ווענדט דער דייטש צום שמש זיך און טייט,
טייט אויפן רבֿ "דו זעסט, ער פאָלגט!" דער שמש האָט געכאַפּט זיך פארן קאָפּ.

יב.

כאָטש די קויל – זי האָט דעם שמש געטראָפן נאָר אין פּוס – "און יעצט? ארויס מיט אייך, ארויס!"
דער שמש כאָטש ער הינקט, ער פירט דעם רבֿ, דעם אלטינקן ארויס פון שול,
קוים וואָס ער גייט דער רבֿ, ער קען נאָר לויפן ארום דער בימה, לויפן אין נאָטס הויז,
ער פירט אים זאַכט און אונטער פייערדיקע שמיץ פון שפּיצרוט... שלאָגן! די מאָס איז נאָך ניט פול!

יג.

זי איז געווען ניט פול איידער נאָך דער רבֿ איז מיטן שמש זאַכט אהיים געגאַנגען – זעט!
א רויך שפּאַרט ביזן הימל, און ס'רייסן פלאַמען זיך ארויס פון רויך: וואו ברענט און וואָס!
דאָס ברענט די שול! דער ארון־קודש ברענט! די ספרי־תורות, די יידישע די שטעט!
דער רבֿ – ער קוקט זיך אום, דער שמש האלט אים: אַך, די מאָס... פארפולט האָט זיך די מאָס!

יד.

"אָ זאָג, אנטלאָפענער אין שרעק, פארוואָס אָ, האָסטו אומגעקערט זיך צריק אהער?
דו ביסט אוועק, פארוואָס ביסטו אין אומגליק ניט געבליבן אין דער פרעמד?
דו וואָלסט פארשפּאָרט דיין היים אין פּיין אין אירן זען, אין איר געפרובט זיין שווער,
און ווי זי בלוטיקט, ווי זי ווערט פארפייניקט אָן א שום פארוואָס און ווערט אזוי פארשעמט.

טו.

אָ, זאָג פארוואָס, זאָג"... דער צוריקגעקומענער אהיים, גיט אומעטיק און שטום
א שמייכל קוים, וואָס ווערט פארגליווערט אויפן פּנים אים ווי אין א ליים –
ער שווייגט א ווײַלע נאָך, באלד קוקט ער אום זיך, קוקט אין א שרעק א גרויסע זיך ארום:
איך קום דאָך פון דער היים... אָך אומעטום – איין חורבֿ'ע, איין אומגעבראכטע היים!

16-18.11.1943

11.

“Look and learn, dirty Jew, see how one spits.”
The German spits in the rabbi’s mouth. “Gulp
It down!” The Rav swallows. The German turns
to the shames, points to the rabbi, “Obey him!”

12.

The German shoots the shames in the foot. “Both
outside now.” Limping shames leads old rabbi who can
only run around the bima. Leads him slowly under lashes.
Whack! Their cup’s not yet full.

13.

Not yet full before rabbi and shames are home.
Look, smoke going skyward, flames in it, what’s burning?
The shul!, Benches! Holy Ark! Torah scrolls!
The rabbi looks back. Their cup’s full now.

14.

“Tell me, you whom terror made flee, why return?
Why not remain suffering in a foreign country?
You’d not have seen your house in such pain,
sorrow, so bloody, tortured to death, shame-filled.

15.

Oh tell me why, why?” A light smile on the face—
frozen like stone— of the one who returned to this
mute, sad show, appears. Quiet for a moment, he says,
“I come from a destroyed, broken home.”

## ט. צו די הימלען

אזוי האָט זיך עס אָנגעהויבּן, בּאלד אין אָנהויבּ... הימלען, זאָגט פאַרוואָס? אָ זאָגט פארוועןְ?
פאַרוואָס אָ, קומט עס אונדז אזוי פארשעמט צו ווערן אויף דער גרויסער ערד?
די ערד טויבּ־שטום, האָט ווי פארמאַכט די אויגן... איר הימלען אָבּער, איר האָט דאָך געזען,
איר האָט זיך צוגעקוקט פון אין דער הויך, פון אויבּן, און ניט איבּער זיך געקערט!

ב.
ניט פאַרוואָלקנט האָט זיך אייער בּיליקע די בּלוי און האָט ווי שטענדיק פאַלש געשעמערירט,
די זון אין רויטן ווי אַ תּלין גרויזאַם האָט אין שטענדיקן געקוילערט זיך אין קרייז,
די לבנה, ווי אַן אַלטע הור, א זינדיקע, איז אין די נעכט ארוים אויף איר שפּאַציר,
און שטערן האָבּן צוגעוואונקן שמוציק, געפינקלט מיט די אויגעלעך ווי מייז.

ג.
אַוועקט! איך וויל אויף אייך ניט קוקן, איך וויל ניט זען אייך, ניט וויסן פון אייך מער!
אָ, הימלען פאַלשע, אָ, גענאַרערישע, נידעריקע הימלען אין דער הויך, אָך, ווי מיר
פאַרדריסט –
איך האָבּ אַמאָל געגלויבּט אייך, פאַרטרויט מיין פרייד, מיין אומעט אייך, מיין שמייכל און
מיין טרער,
איר זענט ניט בּעסער פון דער מיאוסער דער ערד, דער גרויסער הויפן מיסט!

ד.
איך האָבּ געלויבּט אייך, הימלען, בּאַזונגען אייך אין מיינע לידער אלע, אין יעדן מיין געזאַנג –
איך האָבּ געהאַט אייך ליבּ, ווי ליבּ מען האָט א פרוי, זי איז אוועק, צערונען ווי א שוים,
איך האָבּ די זון אין אייך נאָך אין מיין פריסטער יוגנט, די זון אין פלאַמען פון איר אונטערגאַנג,
פארגליכן מיט מיין האָפנונג: "אזוי פארנייט מיין האָפנונג, אזוי פארלעשט מיין טרוים!"

ה.
אוועקט! אוועקט! איר האָט אונדז אָפּגענאַרט, גענאַרט מיין פאָלק, גענאַרט מיין אַלטן שטאַם!
פון אייבּיק אָן – איר נאַרט אונדז, איר האָט די אבות מיינע, די נביאים מיינע נאָך גענאַרט!
צו אייך, צו אייך – האָבּן זיי די אויגן זייערע געהויבּן, אָנגעצונדן זיך אין אייער פלאַם,
די טרייסטע אייערע אויף דר'ערד האָבּן זיי אויף דר'ערד דאָ, אין בּענקשאַפט אייך גענאַרט.

# 9 To The Heavens

1.

So it'd happen, soon happen. Heavens, why, why
do we have to be so humiliated on this earth?
This deaf and dumb earth's shut its eyes,
but you on high've seen it all and not collapsed in shame.

2.

No cloud's covered your vile blue, sham splendor;
the sun, red as a ferocious executioner, has kept to its course;
the moon, an old whore sinner's on her stroll,
and stars wink luridly like mice eyes.

3.

Enough! I don't want to look at you, see more you,
oh sham cheating heavens supposed to be high;
once I believed in you, confided pains, joys, tears, smiles.
You're no better than this pile of shit earth.

4.

I praised, exalted you in all my songs, loved you as a woman.
But that's all gone, dissolved like foam.
From infancy your blazing sun resembled my yearnings.
"Now hope, dream have vanished."

5.

Enough! Enough playing games with my people,
my stock. You've always, with our fathers and our
prophets who lifted eyes to you, lit by your flame.
Always faithful, consumed by nostalgia for you.

ו.

אייך געוואָלט... צו אייך די ערשטע אויסגערופן: האזינו! פריער איר – פאַרנעמט!
און שפּעטער ערשט די ערד. אזוי מיין משה און אזוי ישעיה, מיין ישעיה: שִׁמְעוּ - הערט!
און שומו! ירמיהו שרייט: שומו! ווער זשע אויב ניט איר? וואָס האָט איר פּלוצלונג זיך אזוי
פאַרפרעמדט?
אָ, הימלען אָפענע, אָ, ליכטיגע איר הימלען, אָ, הימלעךהויך, איר זענט דאָך ווי די ערד.

ז.

איר קענט ניט, איר דערקענט אונדז שוין ניט מער, פאַרוואָס? צי האָבן מיר זיך דען
אזוי געביטן? אזוי געענדערט זיך? מיר זענען דאָך די זעלביקע די יידן פון אַמאָל –
און בעסער נאָך א סך... ניט איך! ניט איך וויל צו מיינע נביאים זיך פאַרגלייכן, ניט איך קען,
נאָר די יידן אלע, די צום טויט געפירטע, די מיליאָנען מיינע אויסגעהרג'עטע דאָ מיט
אַמאָל –

ח.

זיי זענען בעסער נאָך, מער אויסגעליטן, אויסגעלייטערט מער אין גלות דאָ! אָ וואָס באַטייט
אַ ייד אַ גרויסער, אַן אַמאָליקער, אַנטקעגן קליין אַ יעצטיקן, אַ פּשוטן, א דורכשניטליכן ייד
אין פּוילן, ליטע, אין וואָלין, אין יעדן גלות, – פון יעדן יידן קלאָגט און שרייט
א ירמיה ארויס, אַן איוב אין יסורים גרוים, א מלך אַן אנטוישטער מיט א קוהלת־ליד.

ט.

איר קענט ניט, איר דערקענט אונדז שוין ניט מער, ניט קיינעם, ווי מיר וואָלטן זיך
פאַרשטעלט,
מיר זענען דאָך די זעלביקע די יידן פון אַמאָל, מיר זינדיקן נאָך אלץ צו זיך אליין,
מיר זאָגן־אָפּ זיך אלץ נאָך פונם איינגענעם פון גליק און ווילן אלץ נאָך ראַטעווען די וועלט, –
וואס זענט איר בלוי אזוי, איר הימלען בלוי, ביי אונדזער אויסגעהרג'עט ווערן? וואס זענט איר
אזוי שיין?

י.

איך וועל ווי שאול, ווי מיין קעניג, זיך אוועקלאָזן אין מיינע פיינען צו דער בעלת־אוב,
איך וועל דעם וועג געפינען, דעם פאַרצווייפלטן, דעם וועג דעם חשכ'דיקן קיין עין־דור,
און כ'רוף פון דער ערד ארויס אלע מיינע נביאים און באַשווער זיי אלע: קוקט, אָ קוקט ארויף,
צו איירע הימלעךהעל און שפּייט אין פּנים זיי: צו אַלדי שוואַרצע יאָר אייך! צו אַלדי שוואַרצע
יאָר!

6.

They invoked you from the first “Hear, O heavens!”
And only afterward, earth. Thus Moses, Isaiah, my
Isaiah: “Hear”, and “Astound!” cried Jeremiah.
To whom if not to you? Yet now you’re like earth.

7.

You don’t know or recognize us, why? Are we so
changed? Not the same, and even better? Not me!
I don’t want to compare myself with the prophets;
with the millions of massacred Jews,— them, yes!

8.

They’re better, more tested, purified by their exile.
Who’s a past great Jew next to a simple one from Poland,
Lithuania? In every Jew, Jeremiah shouts, Job’s desperate,
a king’s sad with a Qohelet-song.

9.

You don’t know or recognize us as if we’re masked
yet we’re the Jews of always, sinning against our
selves, wanting to save the world. How can you
remain so lovely while they’re murdering us?

10.

Like Saul, my king, I’m going into my pain to find
that dark desperate street in En Dor,
call all my prophets from their tombs: look to their heavens
and spit in their faces with a “Damn you, devil!”

יא.
איר האָט זיך, הימלען, צוגעקוקט פֿון אויבן, ווי מען האָט די קינדער פֿון מיין פֿאָלק געפֿירט
איבער וואַסערן, אויף באַנען און צופֿוס אין טעג אין העלע און אין פֿינסטערע אין נעכט צום
טויט,
מיליאָנען קינדער האָבן ביים דערהרג׳עט ווערן הענט צו אייך געהויבן – ס׳האָט אייך ניט
גערירט,
מיליאָנען מאַמעס אידעלע און טאַטעס – ניט פֿארציטערט האָט אויף אייך די בלאָהע הויט...

יב.
איר האָט געזען די יאָמעלעך, עלפֿיעריקע, אליין די פֿרייד! אַ פֿרייד, אַ גוטסקייט בלויז,
און די בנציון׳לעך, די יונגע נאָוֹנים, די ערנסטע, די זוכער... אָ, טרייסט פֿון אלץ וואָס לעבט!
איר האָט געזען די חנה׳ס וואָס האָבן זיי געהאַט, וואָס האָבן זיי פֿאר נאָט געהייליקט אין זיין
הויז,
איר האָט זיך צוגעקוקט... איר האָט קיין נאָט אין זיך ניט, הימלען! הימלען גאָרנישט, הימלען
אויסגעוועבט!

יג.
איר האָט קיין נאָט אין זיך ניט! עפֿנט אויף די טויערן, איר הימלען, עפֿנט אויף זיי ברייט,
און לאָזט די קינדער אלע פֿון מיין אויסגעהרג׳עטן, פֿון פֿארפֿייניקטן מיין פֿאָלק אריין,
עפֿנט־אויף זיי צו דער גרויסער הימלפֿאַרט, גאַנץ א פֿאָלק געקרייציקט שווער אין לייד
דארף אין אייך אריין... אָ, יעדער איינער פֿון די קינדער מיינע אומגעבראכט, קען א נאָט זיי
זיין!

יד.
אָ, הימלען אויסגעליידיקטע און וויסטע, הימלען ווי א מדבר ווייט און וויסט, איך האָב
מיין איינציקן מיין נאָט אין אייך פֿארלוירן, און ז י י איז ווייניק האָבן אין אייך ד ר י י –
דער יידישער דער נאָט, זיין גייסט און דער גליל־ייד פֿון זיי געהאַנגען איז זיי קנאַפּ,
זיי האָבן אלע אונדז אין הימל אָפּגעשיקט, – אָ, עקלדיקע און געמיינע געטערדינערייז!

טו.
פֿרייט זיך, הימלען, פֿרייט זיך! – איר זענט געוועזן אָרים, יעצט זענט איר רייך,
א געבענשטער אזא שניט – גאַנץ, גאַנץ א פֿאָלק, אזא א גליק איז, הימלען, אייך באַשערט!
פֿרייט זיך, הימלען אויבן, מיט די דייטשן, און די דייטשן אונטן זאָלן פֿרייען זיך מיט אייך,
און זאָל א פֿייער פֿון דער ערד אויף אייך ארויסגיין און א פֿייער זאָל צעפֿלאקערן פֿון אייך זיך
אויף דער ערד.

23-26.11.1943

11.

You watched when children by sea, train, on foot,
by day and night were taken to death. Millions of kids,
mothers, fathers held out hands to you prior to being murdered.
Nothing made you tremble.

12.

You've seen little Yomele's unique joy, Benzion's studiousness,
for all creation. And Hanna who  had them to consecrate
God at home. But you just watched.
No, there isn't a God in you, heavens.

13.

No God in you! Open your doors, heavens, wide-open.
Let the kids of my murdered people in.
For the great ascension: all my crucified people can arrive.
Every murdered child can be a God.

14.

O heavens empty as a desert I've lost in you my one God,
and their Three,—the Jewish God, His Spirit and the Jew they
hanged— isn't enough: they wanted us all in heavens.
O wicked idolatry!

15.

Congrats, heavens. You were poor, now rich.  Luck's yours!
An entire population!  Congrats, heavens.
Down here with the Germans festing up there with you.
Fire going upndown downandup.

## י. אינם אָנהייב פונם סוף

אזוי האָט זיך עם אָנגעהויבן, באַלד אין ערשטן טאָג, אויפמאָרגן ווידער! און דער נאָך אויפסניי! אויפסניי! ס'האָט יעדן אין דערפרי זיך אָנגעהויבן פון דאָס ניי –
נעכטן ערשט! אָ, ניט באַוויזן האָט דאָס אומגליק ווערן אַלט, היינט באַגינען – האָרך: שוין ניי א בראָך!
ניי א פחד און א טויטשרעק ניי! דער טויט באַנלייט, נייט נאָך אונדז ווי א שאָטן טריי...

ב.
יעדן טאָג האָט פאַר די אויגן פון א יעדן ייד מיט א ייד א צווייטן עפּעס־וואָס פּאַסירט,
עפּעס־וואָס... געטראָפן ווערן פון א קויל און פאַלן איז ניט מער פון יעדן "עפּעס־וואָס";
אַן אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט, א טירל האָט אַן עפן זיך געטאָן, אריינגעכאַפּט א ייד און אים – אוועקגעפירט
בעסער דעם געהרג'עטן אין גאס שוין, בעסער דעם געפאַלענעם שוין פון א שאָס.

ג.
כ'האָב אין די ערשטע טעג פון זייער זיך אריינרייסן אין שטאָט שוין נישט געגעכטיקט אין מיין הויז,
איך בין אוועק פאַרנאַכט צו אונדזערן א נאָנטן, מיין פרוי האָט מיך דאָס מאָל באַגלייט,
אַן אָפיצער האָט אין דער טונקל אָפּגעשטעלט זיך, אָנגעקוקט מיך... יאָ, א ווײַלע בלויז,
און איז אוועק. צען טריט נאָך אונדז דערהערן מיר א שאָס, ער האָט אַן אנדערן געטייט.

ד.
אונדז! אונדז! דאָס האָט ער אונדז געהרג'עט, חנה'לע, אי מיך, אי דיך, ער האָט געזוכט א ייד,
ער איז מיט אונדז געווען ניט זיכער... דו האָסט געזען ווי דער אויסוואורף האָט געקוקט?
מיר האָבן ניט פאַרשנעלערט, ניט פאַרלאַנגזאַמערט, א האָר ניט אונדזערע, די זיכערע, די טריט
פון לעבן צו דעם טויט... א ייד אקעגנטיקערער, א בעסערער האָט צו דער חיה אונטער זיך גערוקט.

# 10. The Beginning Of The End

1.

The beginning, the very first day and next morning
again. And again. Morning begins it for everyone.
In so little time the sorrow's renewed. Hear it break
in: fear, terror. Death's with us, a faithful shadow.

2.

Every day before Jewish eyes something's going
on, "something" like being shot and falling. Or a
car-door opening, a Jew's pushed inside, carried
away. Better to be killed in the street by a bullet.

3.

From the first day I didn't sleep in my own house;
I went by night with my wife to my friends. In the
dark an official barred the street, fixed on me then
went on. Ten steps later, a shot. He killed another.

4.

Us! Us! They wanna kills us, Hanele, you and me.
They're looking for Jews, aren't sure about us. Did
you see how that pig looked at us? And a better
revealed Jew's fallen into that pig's hands.

ה.
חנה, ער האָט דאָך אונדז, אונדז אַלעמען דערהרג'עט דאָך אין יענעם גרויליכן מאָמענט
אי מיך, אי דיך, די קינדער אונדזערע, דאָס גאַנצע פאָלק דאָס יידישע אין גוישן אין לאַנד –
ער האָט פאַרמאָסטן מיט א בליק א שטאָלענעם זיך און ער האָט אדורכגעפירט און האָט
פאַרלענדט!
פאַרמאָסטן אין א גאַס זיך, אין אן אָפּגעלעגענער פאַרנאַכט... דו דריקסט מיר קאַלט די
האַנט...

ו.
אי דיינע, חנה, און אי מיינע – קאַלט. ער האָט דאָך אונדז געהרג'עט, ניי אהיים און זאָג די
קינדער ניט
אז א דייטש האָט אונדז געטראָפן, אָפּגעשטעלט זיך בלאָנד און אָנגעקוקט אונדז לאַנג –
און אונדז געהרג'עט, אי אונדז, אי זיי און גאַנץ מיין פאָלק... אָ, ניט דערציייל זיי. גאָט באַהיט,
ניי אהיים און גלייך דו ווייסט פון גאָרניט... חנה, חנה'לה, וואָס קוקסטו אזוי באַנג?

ז.
ניי אהיים, און מאָרגן פרי, גאַנץ פרי, עס וועט נאָר ווערן טאָג און איך בין דאָ ביי אייך,
איך וואַרט א וויַל און קלינג לייכט אָן, דו וועסט דערהערן אים, דערקענען אים, דעם קלונג –
ניי שטיל אַראָפּ פון בעט, וואַרף עפּעס וואָס אויף זיך אַרויף און עפן אויף מיר גלייך,
פיר צו די קינדער צו מיר... אָ, קינדער מיינע קליין, אזוי ווי לעבעדיג, און שיין אזוי און יונג!

ח.
זע, זע, מיין יאָמעקל האָט אויפגעכאַפּט זיך מיט א שמייכל... יאָם, מיין טייערער, מיין קינד!
און ס'האָט בקציון'קע די האַנט אריינגערוקט צו קאָפּן אונטער קישן... ער געדענקט:
וואו ער האָט דאָס בוך האַרט פאַרן איינשלאָפן געלייגט, איַין מיש – און ער געפינט
די זייט, די שורה ווייטער... פאַרוואָס, אָ, חנה'לע, אָ יינגעלעך, פאַרוואָס האָט מען אייך
אומגעבּרענגט?

ט.
חנה'לע, איך בלייב די נאַכט מיט אייך, איך וועל ניט מער אוועקגיין פון דער היים ביינאַכט,
וואָס דאַרפן היטן זיך אזוי שוין טויטע? פאַרמשפּט'ע שוין? שוין געצייכנעטע צום טויט?
מיר האָבן דאָך דאָס ערגסטע דורכגעמאַכט שוין, מען האָט דאָך אונדז שוין אומגעבּראַכט.
דו האָסט געזען דעם דייטש? זיין קוקן? ניט פאַרציטערן אזוי וועט מער אויף אונדז די הויט...

5.

Hanna, he’s killed us all in that terrible moment—
me, you, our kids, all Jews in a Gentile country; he
weighs us with a furtive look, acts and destroys.
On a far-off street your cold hand squeezes mine.

6.

Our hands cold, Hanna; he’s killed us. Go home
and tell the kids nothing about being stopped by
a German who’d killed us, them, all my people.
Be mum, Hanna. Hanele, why look so afraid?

7.

Tomorrow morning early I’ll be with you all again;
I’ll wait awhile, then ring the bell, you’ll hear it and
leave the bed, put something on and open to me.
Carry my little ones, so alive, young and beautiful.

8.

Look, Yomele’s woken with a smile, Benzion’s put his hand
under the pillow where he left a book before sleeping.
He’s found the page, exact point.
Why, Hanele, children, have they annihilated us?

9.

Hanele, I’m with you all night, won’t let you alone.
Who cares the dead are on guard?
We’re already past the worst, have already been assassinated.
That German’s look! Our skin no longer shudders.

י.

דאָס איז געווען די סִטְרָא־אַחֲרָא, דער שׂר פון אונטערוועלט. אַליין די כּרוח, אַליין, אַליין דער שמרץ!

אַליין דער בלוטדורשט, די פאַרקערפערונג פון שלעכטס און פון אומזיסטן האַס –
צום אומבאַהאָלפענעם אין זיין נערעכט זיין, צו אַלץ וואָס גוט איז אויף דער ערד און אָן א שוטץ,

א דייטש! דער דייטש וואָס איז געבליבן שטיין און האָט קאַלט אָנגעקוקט אונדז אויף די גראַנסקע גאַס!

יא.

דאָס איז געווען היטלער, הימלער, אַלפרעד ראָזענבערג, ניין! אַלע דייטשן מיטאַנאַנד,
דאָס גאַנצע פאָלק, דאָס שלעכטסטע, דאָס געוויסנלאָזטע איז פאַר די אויגן אונדז געשטאַן'.
ווען איך שיס אים, חנה, ווען איך הרג'ע אים אין דער מינוט, ווען איך האָב וואָס דעמאָלט אין מיין האַנט –

איך וואָלט געראַטעוועט מיין פאָלק, אי דיך, אי זיך, אי אונדזערע די קינדער דאַן –

יב.

זיי האָבן אויפגעכאַפּט זיך... זאָג זיי נאָרניט! וואָס? וואָס טוסטו? יאָ, דו רייסט זיי יעצט אַרויס אַרויס

די גלאַנציקע די קנעפּ און די בּלויע שנירלעך פון דריי שילער מאַנטעלעך יעצט אָפּ!
נייסט די שאַנדבּענדער פאַר בּיידן אונדז און דעם עלטסטן אונדזערן... יאָ, ר'איז שוין גרויס!
ר'וואַרפט זיך, ווילי'ס ניט אָנטאָן... דו יאָמעקל, מיין קלייניקער, וואָס לאָזטו, דו, אַראָפּ דעם קאָפּ?

יג.

מיין יאָמעק ווייסט ניט אַז מען האָט געהרג'עט אונדז, אַז מען וועט אונדז הרג'ענען. אָ וועלט!
דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק איז דאָך ניט ווערט א טרער פון א פאַרצווייפלט יידיש קינד,
אַך, ווען ער ווייסט'ס, מיין פרייליכסטער! די פרייליכקייט!... א קעלט... מיך נעמט אַדורך א קעלט,

ווי מיר, זעעודיקן, ווי... און וואויל, יאָ וואויל אייך קינדער יידישע, וואָס איר זענט בּלינד...

יד.

חנה'לע, דו בּיסט א שטאַרקע, חנה, איך האָב עס אויף אַזוי פיל ניט געוואוסט,
ווילסט זיין אַליין דאָ? מיט די קינדער דאָ? און מיר, מיר זאָגסטו: פאָר! פאָר שנעל!
קיין וואַרשאָ פאָר! כ'האָב ניט געוואָלט און בּין אוועק קיין וואַרשאָ, כ'האָב געמוזט,
די אויגן זענען מיר געווען בּיים אוועקפאָר טרוקן... די טרער איז מיר געשטאַנען אין מיין קעל.

10.

He’s the demon, prince of the underworld: all filth,
all dirt! Bloodthirsty incarnations of evil and unjust
hatred for the powerless, good and defenseless
before the cold-eyed German on Via Gdanske.

11.

It’s Hitler, Himmler, Alfred Rosenberg—No! All the
Germans, the wickedest, basest people stood in
front of us. If I killed them all in an instant maybe
I’d have saved my people and you and our kids.

12.

They’ve woken. Say nothing. Do what? Pull out the
mother-of-pearl buttons and blue bows from three aprons.
Keep sewing bundles of shame for
us. But why, little Yom, do you lower your head?

13.

Yom doesn’t know they want to murder us, that all the German
people aren’t worth one tear of a desperate Jewish child.
A shiver goes through me. We see miseries.
You, kids, are the blessed blind.

14.

Hanele, you’re strong but I don’t know whether
you want to stay here alone? With the kids?
You say: “Go quick, go to Warsaw.” I don’t want to but I’m gone.
Had to. Dry-eyed. Sobs in my throat.

טו.
מיט קנאַפּע צוויי חדשים שפּעטער האָט מען ארויסגעשיקט אייך פון דער היים, דיך מיט די
זין –
איר האָט נעראַטעוועט דערנאָך צו מיר זיך אין דער ווארשאָ. דו האָסט געזען מיט מיר צוזאם
דעם אָנהייב פונם סוף... בּיים סאַמען סוף בּיסטו און בּנציקל און יאָמעק ניט געווען שוין...
כ׳בּין
אליין געבּליבּן, מיט מיין עלטסטן, צוגעקוקט צום סוף זיך פון אונדז אלעמען אין פייער און אין
פלאַם.

4-6.12.1943

15.

In less than two months you and the kids have fled to me
in Warsaw, with me see the beginning of the end.
Now you, Benzion, Yom are no more.
I’m only with Zvi watching the end of everything in flames.

## יא. געדענקסט?

כ'האָב ליב דיך רופן בײַ דײַן נאָמען, כ'האָב ליב אַרױסזאָגן אים: חנה'לע! כ'האָב ליב
צו דיר זיך װענדן נאָך דײַן אױעקגענומען װערן מיט מײַן פאָלק, דו ענטפערסט מיר, דו שענקסט
דײַן בליק פון דײַנע אױגן מיִר די ליכטיקע, דײַן אומעטיקן גוטן שמײכל אױף דײַן ליפּ,
כ'האָב ליב דיך רופן אין מײַן אײנזאַם זײַן, אין עלנט מײַנעם פרעגן דיך: געדענקסט?

ב.
געדענקסט? כ'האָב ליב דיך פרעגן צי געדענקסטו? חנה'לע, אָ קום, קום נענטער צו מיר צו,
לײג אױפן אַקסל מיר דײַן הערליכן דײַן קאָפּ און דײַנע האָר די שװאַרצע מיטן װײַסן שרונט –
נעם אין אָרעמס מיך, באַלעב מיך, שטאַרק מיך... כ'האָב דיך אַרױסגערופן פון דײַן רו,
רו ניט, חנה'לה, אָ ניט פאַרהײלט זאָל װערן אין פאַרגעסנהײט די אײביקע די װאונד.

ג.
זעץ מיט מיר אױעק זיך, איך האָב דאָך ליב אַזױ דיך... אין מײַן ליבע געװאַלדיק, הער מיך װאָס
איך זאָג,
דו הערסט! דו הערסט! באַגליקסט אין גרױסן אומגליק מיך, מײַן חנה'לע, מײַן פרױ!
אין גרױסן װײ אין אונדזערן, אין א ו י פ ה ע ר ן, באַפרוכט איך דיך פאַר אַלע װעלטן – טראָג
די פרוכט פון אָנקלאָג װי מײַנע זין אין דיר, טראָג, פאַרטראָג אין אַלע װעלטן זינדיק, רױ און
גרױ!...

ד.
געדענקסט דאָס גרױזאַמסטע, דאָס שװידערליכסטע, דאָס אומבאַרחמנות'דיקע אױף דער װעלט?
געדענקסט? איך װײס אַז דו געדענקסט, דו האָסט אין אַלע אײביקײטן מיטגענומען עס –
דו און מײַנע זין, איר װעט געדענקען אײביק אים, דעם מאָרד פון אײער פאָלק און װעגן דעם
פאַרגעלט,
איך אױך! איך װיל'ס אױך און האָב אַלץ מוֹרא – ס'זאָל די שעה ניט זײַן – און איך פאַרגעס...

# 11 Remember?

1.

I love to call you by name, pronouncing Hanele, to
turn to you now they're taking you away with my
people. You gift me your radiant eyes, your sad,
gentle smile. I love calling you in sad loneliness.

2.

Remember? I love asking you to come, Hanele,
come here, lean your sweet head of dark hair on
my shoulder, hold me in your arms, enliven me,
don't rest or the eternal wound will be forgotten.

3.

Sit with me, I want you so much. Listen, love. Do
you hear me? In my great tragedy you make me
happy. I fecondate you before the world. Carry the
fruit of our accusation like a child in your lap.

4.

Remember the most cruel,  horrible, inhuman thing on earth?
I know you remember, I'll carry it with you to eternity.
You and my sons always will remember the murder of our people.
As will I.

ה.
איך האָבֿ שטענדיק זיך אויפֿ דיר פארלאָזן, מערער ווי אויפֿ זיך אליין, ווי כ'וואָלט
נעווען דיין מעדיום, ווי כ'וואָלט פולבֿראַכט דיין הײמליכן בֿאפעל, נעטאָן וואָס דו
פארלאַנגסט –
האָסט חובות שווער אויפֿ מיר ארויפגעלײגט, כ'האָבֿ אלע זיי מיט ציטער און מיט פרייד
בֿאצאָלט:
כ'האָבֿ ליבֿ נעהאט מיין פאָלק, נעווען מיט אים אין גלות, נעזוננען אים אין האָפנונג און אין
אַנגסט.

ו.
נעדענקסט דאָס הויז אויפֿ טוואַרדא, דאָס הויז אין קליינעם געטאָ, דאָס יתומים־הויז?
די פופציק ייננעלעך? נעזונט א שטאַם! איך האָבֿ פאר זיי געשריבֿן א טעאַטער־שפּיל,
נעדענקסט די קינדער אין "מיך ציט אין גאַס!"? זיי זענען שפּילענדיק נעוואָקסן, אויסנעוואָקסן
גרויס,
מיט זיי מיין ווערק... זיי האָבֿן מער ווי איך דאָרט האַרץ ארײנגעלײגט און מער געפיל...

ז.
נעדענקסט דעם טאָנפ מען האָט אונדז אָנגעזאָגט: זיי אויך! מען האָט אוועקגעפירט אויך ז י י,
צוזאמען מיט דאָמבראָווסקי'ן און זיין פרוי – זייערע צוויי לערער טרייע – מיינע פריינט.
כ'בין אוועק בֿאלד צו דער בֿריק אויפֿ כלאָדנא, איך האָבֿ דיר ניט געזאָגט וואוהין איך ניי...
אין קליינעם געטאָ זענען הינט ארומגעלאָפן נאָך און קעץ, די זון האָט נאָך געשיינט.

ח.
יידן האָבֿ איך אין דעם קליינעם געטאָ ניט געטראָפן שוין, וואו ניט וואו האָבֿ איך נעזען
א שאָטן שלייכן מיט א זאַק גרויס אויפן רוקן, אדאנק דעם זאַק האָבֿ איך זיך אָנגעשטויסן אז
עס איז א ייד.
ער איז נעגאנגען שנעל, דער זאַק האָט צוגעהאָלפן אים, אים צוגעשטופּט: ניי! ניי!... עס איז
געשען!
ניטאָ שוין, ניט די אייזנגאס, ניט נזשיבֿאָוו, ניט קראָכמאַלנע, ניט וואַליצאָוו און ניט די
טוואַרדא, אוים! שוין אוים יאריד!

5.

I’ve relied on you, more than myself, as if I were your medium,
obeying secret orders to exhaust desire.
Grave tasks I’ve done in joy and trembles,
loving my people, singing them in hope and fear.

6.

Remember the house on Twarda Street in Little
Ghetto, that orphanage? Those 50 kids? It was for
them you wrote “The Street Calls Me!” Remember
them reciting it? Their hearts and souls reciting.

7.

Remember what they told us, and even they were
taken away, together with friend Dombrowski and
wife, two brave teachers. I ran to the bridge over
Chlodna Streets. Dogs, cats running. A sun shone.

8.

But no human did I see in the Little Ghetto,
only ashadow, a sack on its back, that said to my quick-pace,
“Go, go, it’s over.” Ayzn Street, and Gzibow,
Krochmalne, Walizow and Twarda—all finished.

ט.
איך בין אריין פון טשעפּלאַ אויף דער טוואַרדא, פארנומען לינקס זיך – טוואַרדא זיבן, כ׳פלי,
א פייל
פון בוינן, אין דעם טויער און אויף די טרעפּ, טח אויפן צווייטן שטאָק – אַן אָפענע די טיר!
איך בין געשטאנען און געוואָלט, געוואָלט, געוואָלט און ניט געקאָנט אריין א היפּשע וויל,
ניט געקאָנט די שוועל אריבערטרעטן, כ׳בין געשטאַנען פאר אַן אָפענע טיר און ניט געגעבן
זיך קיין ריר.

י.
איך האָב דערהערט: מען גייט... אין טויער? אויף די טרעפּ? א גנב מיאוס? צי מיאוסער א סך
א דייטש? און כ׳בין
אריין אין קאָרידאָר אין לאַנגן, די טירן אלע אין אים אָפן, אויפגעעפנט, רעכטס און לינקס, און
ס׳שיט
די זון פון ערגעץ־וואו, פארשיט דעם קאָרידאָר מיט גאנצע גאַרבן שטראַלן אָן חשבון און אָן זין,
זי בלענדט די אויגן מיר, פארבלענדט מיר, אַ פארבלענדעניש... אָ, מיין צעטומלעניש אויף
איר און מיין געמיט!

יא.
די מאַנטעלעך – זיי האָבן אין דער לענג פון קאָרידאָר א שיין געטאָן! כ׳האָב עטליכע
דערקענט
און אָנגערירט זיי: אַבאַ׳לע! ער האָט געשפּילט דעם האַנדלאַרזש וואָס קומט אין גרויסן הויף,
ער האָט געהויבן הויך דעם קאָפּ, די אויגן הויך צו אלע פענסטער, געפּאָכעט מיט די הענט:
״אין זאַק אין מיינעם, יידן! די לאַטעס און די שמאַטעס און וואָס צעריסן איז און ברודיק איז –
איך קויף״.

יב.
דאָס פאַלטאָ׳לע איז אַהר׳עקס, ער האָט געשפּילט די הויפּטראָל: דעם יינגל וועלכן ס׳ציט אין
גאַס,
״מיך ציט אין גאַס!״ און נארט דעם לערער אָפּ: איך מוז אהיים! ער נארט, נארט אָפּ דעם
לערער פון געזאַנג:
״די מאמע איז מיר קראנק!״ און רעדט א חבר צו: ״קום, זינג אין הויפן, איך – איך קלאַפּ אין
טאַץ״ –
פון ערשטן הויף אנטלויפט ער צריק אין קלאס און ווערט אין קלאס געוואויר: די מאמע איז
אים טאקע קראַנק!

9.

I entered 7 Twarda Street, flew arrow-like over the stairs
up to the 2nd floor. The door was open!
I wanted to go inside but couldn't.
Couldn't cross the threshold, didn't succeed in even moving.

10.

I hear downstairs. On the steps? A rotten thief or, even worse,
a German? I go along the corridor, doors open right and left;
the sun's crazy beams blind, dazzle, disorient me.
Bewilderment's got me.

11.

Coats in their place in the corridor. I touch one,
it's Abbale's, who played the ragman in the play
who enters the courtyard and shouts: "Come on, folks,
clothes and rags in the sack. I'll buy all."

12.

And this one's Arek's, supporting actor who played
foil when the kids wanted to sit in the street and
lied to the music master with "my mother's sick" to
play in the courtyard only to learn she really was.

יג.
און דאָס! דאָס נייע מאַנטעלע איז פנחס׳לס, הערשעלעס, דעם דיכטערס זון, א טייער קינד!
הערשעלע איז אויסגעגאַנגען פאַראַיאָרן נאָך פון הונגער, און זיין יתום׳ל, זיין זון
ער האָט געשפּילט דעם הונגעריקן יינגל וואָס כאַפּט געשיקט פון קויש א זעמעלע געשווינד
ער עסט׳ס מיט בּלוט וואָס רינט פון אים, רעדט מיט א טרערעלע אין קעל און ווייסט לגמרי
נישט דערפון...

יד.
איך גיי אריין אין זאַל און לויף אין שרעק ארויס, איך רייס אין עסצימער אריין זיך און פון
דאָרט
רייס איך צו הודן, דאָמבּראָווסקי׳ן, זיך אריין, צו זייער לערער... ניטאָ אים אויך! ניט אים, ניט
איר!
זיי אויך... בּיידע זיי ווי קאָרטשאַק און ווילטשינסקאַ זענען מיטגענאָן׳ מיט די יתומים׳לעך אין
יענעם אָרט
וואו ס׳וואָלטן עלטערן זיי ניט בּאַגלייט... אויף דער ערד איז אויסגעשאָטן הויך א בּאַרג
פּאַפּיר –

טו.
איך האָבּ געזוכט אין שטוים פּאַפּירן אין צעוואָרפענעם... אָ וואַרפט אין פייער אלע מיינע
חערק
און ראַטעוועט איין יתום׳ל פון אָט די פופציק יינגעלעך, די טייערע, מיר אָפּ –
חנה׳לע, געדענקסט, אָנשטאָט א יתום׳ל, א יידיש קינד, האָבּ איך אהיימגעבּראַכט פון
טוואַרדאַ גאס אַ צווערג –
״מיך ציט אין גאַס!״ איין העפט פון העפטן דריי, דעם מיטלסטן, א צווערג אָן פיס און אָן אַ
קאָפּ.

14-16.12.1943

13.

And this new coat’s Pinchasel’s, son of the poet
Hershele, who died of hunger, left a little orphan who plays
the part of a hungry boy who robs some bread, eats it,
blood running down, sobs in throat.

14.

I enter the living room, in horror flee to the rectory
where David and Dombrowski, the teachers aren’t there,
nor is she, nor Korezak and Wilczynska who play orphans’ parents…
For land, a pile of leaves.

15.

I look in that pile. O throw all my works in the fire if
I could save just one of those 50 orphans.
Hanele, remember? Instead, I bring home the 2nd Act of
“I Sit in the Street”. A trunk without head or legs.

# יב. די מילאַ־גאס

ס'איז דאָ א גאס אין ווארשאָ, דאָס איז די מילאַ־גאס, אָ, רייסט ארויס די הערצער זיך פון
ברוסט
און לייגט אָנשטאָט די הערצער שטיינער דאָרט אריין, אָ, רייסט ארויס פון קאָפּ די אויגן נאַס
און לייגט ארויף אויף זיי שאַרבוינעס, ווי איר וואָלט עס ניט געזען און ניט דערפון געוואוסט,
פארשטאָפּט די אויערן און הערט ניט – טויב! איך גיי דערציילן פון דער מילאַ־גאס.

ב.
ס'איז דאָ א גאס אין ווארשאָ – די מילאַ־גאס... ווער וויינט? און שטיל אזוי? ניט איך, איך וויין
ניט, ניין!
די מילאַ־גאס שטייגט איבער אלע טרערן, ס'וויינט קיין ייד ניט. נוויים ווען זיי וואָלטן עס געזען
זיי וואָלטן דעמאָלט אויסגעבראָכן אין א מוראדיקן אלע, אין א ביטערן געוויין,
א נוי איז אָבער אין דעם טאָג פון מילאַ־גאס, אין טאָג אין יענעם, אין דעם געטאָ ניט געווען.

ג.
יידן נאָר און דייטשן... יידן! יידן! יידן! אזוי א סך, און מערער נאָך – מען האָט
דריי הונדערט פופציק טויזנט יידן פון איין ווארשאָ, ווארשאָוועך דערהרג'עט שוין –
די אלטע אויסגעשאָסן אויפן בת־החיים, די איבעריקע אלע ארויסגעפירט פון שטאָט
אין די טרעבלינקעס – און די מילאַ־גאס איז פול, איז איבערפול ווי די וואַגאָנעס, קוק און
שטוין!

ד.
פון וואנען? מען האָט דאָך אלע אויסגעהרג'עט שוין! מען האָט דאָך אלע אויסגעשאָסן און
דערשטיקט!
דאָס זענען יידן פון די שאָפן אויף דעם שטיקל נאָוואָליפּיע און אויף דעם שטיקל לעש –
די יידן מיט די נומערלעך, אָ יידן גליקליכע! יידן וועלכע עס האָט אָפּגעגליקט
און האָבן זיך ארייננעקראָגן אין א שאָפּ, ס'לעצטע ביסל יידן, יאָ, די רעשט! די רעשט...

# 12 Mila Street

1.

There's a street in Warsaw, Mila Street,
oh you tore the hearts from our chests and put stones,
eyes from our heads and left skulls, so we see
and know nothing, cover our ears, stay deaf.

2.

There's a Warsaw street, Mila Street, weeping in silence.
No, not me! Mila Street's beyond tears. No Jew's weeping.
Had Gentiles seen the scene they'd burst our crying.
None were in the Ghetto.

3.

Only Jews and Germans. Jews without end. They
massacred 350,000 Jews of Warsaw, shot the old
ones in the cemetery, shipped the others off to
Treblinka, and still Mila Street's full of train-cars.

4.

How come? Aren't they all murdered, hanged or
shot already? Only the Jews in the shops* on that
bit of Nowolopie and Lesz Streets, the lucky ones.
Who got into shops. The last Jews. Yes, the rest!

ה.
יידן פון די דאָזיקע די שאָפּן און יידן אַזש פון גענשא, פון העט־העט, קהלה־יידן, די
מיט די בּלעכן אויף דער בּרוסט און בּעזימער אין האנט וואָס קערן אוים די גאסן פוסט,
די פלאַצווקע־יידן וואָס גייען מיט געזאנג ארוים פון געטאָ יעדן אין דער פרי,
און יידן פון בּאהעלטעניש... עס זענען יידן נאָך אין ווארשאָ דאָ! איך האָב עס ניט געוואוסט...

ו.
הלואי זיי וואָלטן ניט געווען! זיי וואָלטן ניט געבּוירן ווערן אויף דער דאָזיקער דער ערד!
און אויב געבּוירן שוין – הלואי וואָלט מען זיי פריער אָפּגעטאָן זיי זייער רעכט –
איידער איר דערלעבּן, איר, די מילאַ־גאס... א גאס אזא אין ווארשאָ, הערט אלע, הערט:
נאָך גוט וואָס ס'איז קיין גאָס ניטאָ... ס'איז טאקי שלעכט אָן אים, אָ זייער שלעכט!

ז.
נאָר טאָמער וואָלט ער זיין וואָלט ערגער נאָך געווען! אי גאָס און אי די מילאַ־גאס... אזא א פּאָר!
אָ, נעמט ארוים די קינדער אייערע בּאהאלטן אין וואַליזעס, שליידערט זיי, צעשמעטערט זיי אָן וואַנט!
צינדט פייערן גרוים אָן און שפּרינגט אהין אריין מיט הענט פארבּראָכן, רייסט זיך בּיי די האָר:
ס'איז דאָ אַ גאָס! אנ'אומגערעכטיקייט אזא! אַ שפּאָס אזא! און גרוים אזא א שאנד!

ח.
בּאלד אין דער פרי, פאַרטאָג נאָך, איידער נאָך ס'איז בּייז און אומגערעכט געוואָרן טאָג,
האָט מען געוואוסט אין קעלערן בּאהאלטן און אויף בּוידעמער און אומעטום,'און דאָ און דאָרט:
"אלע יידן מוזן בּיז א זייגער צען, ניט שפּעטער ניט קיין האָר, זיך צושטעלן אויף מילאַ־גאס, מען מאָג
מיטנעמען נאָר האַנט־געפּעק... און בּלייבּט ווער אין דער היים – ער וועט דערשאָסן ווערן אויף אָרט".

ט.
בּאלד אין דער פרי האָט אָנגעהויבּן זיך פון אלע זייטן גרוים און מעכטיק אַ געגיי,
די זענען ערשט ארויסגעשטיגן פונם קעלער, די אראָפּ פון בּוידעם, מען דערקענט דאָך בּאַלד
וואו יעדער איינער איז געווען בּאהאלטן... קראַנקע פון די בּעטן, זע, עס טוט זיי שוין ניט וויי!
דו נאָר ניט העלף בּיים גיין זיי, ניט האַלט זיי אונטער און הויבּ ניט איינעם אויף ווען איינער פאַלט –

5.

The shops Jews and those of Gesia Street and the Kehile,
stains on chests, brooms in hand, who each morning
left the Ghetto singing. And those in hiding.
There are still some I wasn't aware of...

6.

If only it weren't, that they'd never have come into the world
but, seeing that they are, better they're dead before seeing
Mila Street. Listen, all, better God doesn't exist,
even if evil's done without Him.

7.

If He did it for us, it'd be even worse. God and Mila
Street, what a pair! O pull out your kids hidden in
valises and smash them against the wall. Pull hair.
There is a God! What injustice, hoax and shame.

8.

At dawn, before another evil, unjust day's arisen,
those known to be in cellars, attics, other refuges:
"All Jews by 10 o'clock on Mila Street. Carry one valise.
If you stay hid you'll be killed on the spot."

9.

At dawn, they start flowing up from cellars, down
from attics, the sick from beds as though they were healthy!
You wouldn't help them to walk by
supporting them, or help them up if they fall.

י.

ער גייט אויף מילאַ. אלע מיר, מיר גייען אויף דער מילאַ, אין א שעה ארום און ס'וועט קיין ייד קיין לעבעדיקער זיך ניט מער געפינען דאָ ווי אויף דער דזעלנא, ווי אויף פּאַווע, ס'איז שוין נייַן!

אין א שעה ארום וועט ווארשאָ אויסזען שוין ווי אלע יידישע יעצט גרויסע שטעט און שטעטעלעך אין פוילן און אין ליטע און אומעטום וואו דייטשן רייסן זיך אריין.

יא.

און אין א שעה ארום – און אויסגעלאָשן האָט די זון זיך איבער ווארשאָ און איז מיט אונדז אוועק

אויף מילאַ־נאַס, מיט איבער הונדערט טויזנט געבליבענע נאָך יידן אויף דער מילאַ־נאַס – ניין, נישט די זון! א שרעק פון הימל האט אַכזריות'דיק באַגלייט אונדז, גרויס א שרעק, אויף יעדן פנים פון די איבער הונדערט טויזנט יידן פאלט איר אָפּשיין בלאַס...

יב.

אַ שרעק! ס'איז פול מיט איר די גאַס, די מילאַ־גאַס ווי מיט יידן פול, זי שוועבט אין לופט, – מיר אויך! מיר אויך! מיר אלע דאָ געהערן שוין ניט צו דער ערד, זי רוקט אוועק זיך פון אונטער אונדז'רע פיס.

איך זע באקאַנטע, פריינד און האָב פארגעסן זייע'רע נעמען, ווי אזוי מען רופט זיי אלעמען, ווי טויטע... ווער איז דער? און דער דאָ? די פרוי דאָ מיטן קינד, און יענע דאָרט ווער איז?

יג.

איך האָב אריינגעכאַפּט זיך אין א שטוב און אָפּגעלעבן מיט מיין זון אויף דר־ערד א גאנצן טאָג און קנאַפּ א נאכט. מיר האָבן זיך פארטאָג געפעדערט, אויסגעשטעלט זיך אין די רייען פון מיין שאָפּ –

צו פינף אין ריי, ארויס אויף דער סעלעקציע, זיך שטעלן אויף דער וואָגשאָל, אויף דער דייטשער וואָג

געטויט צו ווערן באלד צי שפּעטער... איך בין פארביינגענאננען זיי און אויפגעהויבן הויך מיין קאָפּ.

10.

We all go onto Mila and in an hour there's not a Jew alive
on Dzielna and Pawia Streets. Warsaw
will look like all the big Jewish cities and villages in
Poland, Lithuania where Germans have arrived.

11.

In less than an hour the sun went out over Warsaw
but came with us last 100,000 Jews of Mila Street.
No, not the sun. A terror from the sky went with us,
big terror the pale faces of that mass of us reflect.

12.

Terror! Mila Street's full of it, as of Jews.
We don't even belong to earth anymore.
I see friends and acquaintances. I forget their names.
This one, that. They're like dead. Who's this woman and infant?

13.

I hid in the house lying down with my son all day and night.
At dawn I snuck into a line at the shop.
In lines of 5, ready to be selected to be killed now
or later. I passed before them, head held high.

יד.

איך האָב געקוקט און האָב געזען: מען האט א ייד א זאַק אראָפּגענומען פון זיין פּלייצע דאַר,
און דער זאַק האָט אָנגעהויבן וויינען... א קינד! א יידיש קינד! דער זשאַנדאַר פּרענט:
ער זוכט דעם טאַטן... שרייט צום קינד: דערקען אים! דאָס יינגעלע קוקט אָן זיין טאַטן שטאַר,
ער קוקט אים אָן און וויינט ניט... ער קוקט אים אָן דעם טאטן זיינעם און האָט אים נישט
דערקענט!

טו.

דאָס יינגעלע! און ס'האָט דער דייטש ארויסגעשלעפּט א צווייטן ייד פון ריי, אַן "אומשולדיקן"
– דו!
און האָט אוועקגעשטעלט זיי בּיידן צו די טויזנטער געחתמ'עטע צום טויט – אזא א שפּאַס!
איך האָב געזען – אָ, לאָזט מיך, פּרענט מיך נישט, ניט פּרענט מיך – וואָס? ניט ווען? ניט
פּרענט מיך וואו?
איך האָב באַשוואוירן אייך: ניט פּאָרשן גאָרנישט און נישט הערן קיינמאָל פון די מילאַ־נאם.

24-26.12.1943

14.

I saw them tear a sack from the back of a Jew
and the sack was a child, a Jewish child! Infuriating the cop.
The father yells at the child: Point out your father.
The kid looks, doesn't weep or betray him.

15.

Two kids. The German yanks a second "innocent"
Jew out of the line with a "You!" And puts both with
those condemned to death. What fun! I've seen —
don't ask how or what's happening on Mila Street.

## יג. מיט חלוצים

אָ, פֿרעגט ניט קיינער, ניט דערמאָנט מיר די מילאַ־גאס, ז׳איז פֿול געווען און איז געוואָרן באַלד צונישט.
איבער הונדערט טויזנט יידן זענען דאָרט געווען מיט קלומיקלעך, מיט רענצעלעך אויף פּלייצעס און אין הענט,
און אין די קלומיקלעך א העמד, א האנטוך, ברויט א שטיקל מיט קינדער קליינע אויסגעמישט,
בלאסע ווי דער לייוונט, טרוקן ווי די שטיקלעך ברויט אין זיי, און שטום, פֿארשטומט ווי ווענט.

ב.
ס׳האָט ניט געהאָלפֿן נאָרנישט, מען האָט זיי אלעמען געפֿונען, אויסגעפֿונען, זיי דערטאַפּט טיף אין די קעלערן פֿון מילא, אויף בוידעמער באהאלטן, אויף פּאָליצעס פֿארשטויבט, אין בערגלעך מיסט,
און אומעטום, די מילאַ־גאס איז פֿול געווען מיט אונדז. וואָס קומט ארוים: געבליבן זענען קנאַפּ!
מען האָט אונדז אויסגעשאָסן אויפֿן אָרט און צום טויט ארויסגעפֿירט אין וועגן וויסט.

ג.
א קליינער טייל פֿון אונדז האָט אומגעקערט אין שאָפּ זיך, דאָרט אויף דער נאָוואָליפּיע און דער לעש,
איך האָב געדרייט די שפּול־ראָד, מיין זון, מיין איינציק מיר געבליבענער ז׳געשטאנען שטום ביי א מאשין.
די שאָפּ – אָ, ווינקלען מיאוסע פֿון א מזבח אומריין, צוואנציק טויזנט יידן קלאמערן זיך נאָך אָן אייך, די רעשט,
אין געטאָ... ווער ס׳האָט אין יענע טעג דעם געטאָ נישט געזען! ווער ס׳האָט נישט דאַן פֿארבלאָנדזעט דאָרט אהין!

# 13 With The Chalutzim

1.

O don't ask. More than 100,000 Jews with sacks,
bundles, shopping baskets; in the bundles a shirt, a towel,
a piece of bread mixed with a child pale as linen
shriveled like stale bread, moldy as walls.

2.

There was no escape, they discovered everyone
in deepest cellars, on ceilings, in cupboards and
rubbish everywhere on Mila Street. They killed us
or carried us off to death through deserted streets.

3.

A few of us return to shops on Nowolipie and on
Lesz. I turn the spool-wheel, my son mute before
the machine. Shops, despicable corners of an impure altar,
20,00 Jews are still clinging to you.

ד.

מען האָט געוואוינט אין מיסטקאַסטנס. אין גאס איז וואַרם נאָך און אין דער וואוינונג
פרעמד –
ס'האָט קיינער אין זיין וואוינונג ניט געוואוינט, און ס'האָט אין וואוינונגען אונהיימליך ג'יאָגט
אַ קעלט,
מען האָט דעם אָרימען געקעכטס גענעסן פון א פרעמדן טעלער, געטראָגן נישט דאָס אייגענע
די העמד,
אין בעטן פרעמדע קאלט און האַרט געלייגט זיך... אָ, בעטן פרעמדע, אין א פרעמד געצעלט!

ה.

כ'האָב אָפט זיך איינגעשטעלט, ארויסגעריסן זיך פון שאָפ, געשמוגלט זיך געהיים דורך גאסן
לער,
אריינגעגנב'עט זיך אין געטאָ, כ'האָב צוגעזען א לעבן דאָרט, דאָס לעבן גרויליק אויף א ווייל,
צו וואָס? צו ווען? כ'האָב פריינט געהאט דאָ נאָנטע – איך האָב זיי קיינעם שוין ניט מער!
כ'האָב אין געאייל אריינגעריסן זיך אין געטאָ און ריים ארויס פון דאָרט זיך אין געאייל.

ו.

כ'האָב פריינט געהאט דאָ, נאָנטע, שרייבער יידישע און מחיקער און מאָלער – נישטאָ זיי
קיינעם שוין,
מען האָט זיי אלע אויסגעהרג'עט, הלל צייטלינען – מען האָט אין טלית אים, צום אומשלאק
אים פארשלעפט,
און אויפן אומשלאק אים דערשאָסן, ישראל שטערן, גילבערט – בריליאַנטן גרויס אין
אונדזער קרוין –
ווארשאווסקי'ס! דאווידאָוויטשעס! זשאק לעווים! און אָסטשעגאַס – אָ קרוינען שטאָלץ אויף
יידישע אויף קעפּ!

ז.

און אין א וואָך ארום – און כ'גנב'ע זיך אריין אין געטאָ ווידער... איך האָב דאָרט צוקערמאַנען,
יאָ!
יצחק צוקערמאַנען האָב איך, צביה'ן האָב איך – די שענסטע און די בעסטע אויף דער ערד!
חלוצים! יאָ! ווער זאָגט: מיר האָבן אלץ אויף דר'ערד פארלוירן שוין? חלוצים זענען דאָ!
ס'איז דאָ אן אינהאלט נאָך, אַן אָנהאלט... איך וויין ניט, ניין, די אויגן זענען מיר נאָר קוים
פארטרערט.

4.

We live in dumpsters, it’s warmer in the street than
in foreign houses, which are freezing cold, cook a poor soup;
we eat from others’ plates. Not even shirts are ours.
Sleep on cold, hard, strange beds.

5.

Often, I risk going through the deserted streets to
the Ghetto, observing the cruelty of the life there.
Why? For whom? None of my friends remain. In a
rush I entered the Ghetto; in a rush I get out of it.

6.

So many writers, musicians, painter friends.
They dragged Hillel Zeitlin wrapped in a talis, shot him.
Israel Stern, Gilbert, Warszawski! Dawidowicz, Jacques Levi,
Ostrzega, also. Precious diamonds.

7.

A week later, in the Ghetto, there’s Zuckerman!*
Yitzhok with his Zivia*, beautifulest in the world! Chalutzim*!
Who says we’ve lost everything?
No, I’m not crying, my eyes are just veiled in tears.

ח.

יצחק! ר׳האָט יענע וואָך געבּראַכט אַ גרוס פון קראָקוי מיר: לאַבאַן! לאַבאַן דער חלוץ האָט
אַ בּאַריכט אים אָפּגעגעבן וויפל אָפּיצירן, אויסוואָורפן פון דער עס־עס מען האָט
אָוועקגעלייגט... אַ גרוס,
און בּיים בּאַריכט: ״הענט הויך!״ לאַבּאַן אין אָפיצירן־מאַנטל ז׳אַרעסטירט, יצחק אַנטלויפט,
דרייט פרעמד אין שטאָט
ארום זיך, מיט אַ פוס אדורכגעשאָסן, ס׳בּלוט רינט אין שטיוול... יצחק! ליגט, ליגט! וואָס
מאַכט דער פוס?

ט.

דאָס איז געווען דער זיבּצענטער יאַנוואַר, יאָר דריי און פערציק, איך בּין געבּליבן דאָרט די
נאַכט,
און אַז ס׳האָט אָנגעהויבּן קוים צו טאָגן – בּעסער ווען עס וואָלט ניט ווערן שוין, ניט קיינמאָל
טאָגן!
איך בּין אַרויס אין גאַס, געגרייט אין וועג זיך, פון זאַמענהאָף אויף נאָוואָליפּיע – דער געטאָ
איז פאַרמאַכט!
עס־עס צעיאָגט אונדז: צוריק! ס׳קומען אָן זשאַנדאַרמען, הויך די בּיקסן, צעשטעלן זיך אין יעדן
ראָג.

י.

שוין ווידער! ווידער! וואָס קען שוין זיין דאָ ווידער? עס איז דאָך אויס מיט אונדז. אַך, ס׳ווערט
מיר קאַלט און הייס,
איך גיי צוריק צום זון, צו די חלוצים... זיי ווייסן שוין, ס׳האָט ווער פון דרויסן שוין געבּראַכט די
נייעס...
צביה! זע, יצחק, ער אויך איז אויף די פיס, אויף דעם געזונטן און דעם דורכגעשאָסענעם –
ווער ווייס
צי ס׳רינט דאָס בּלוט פון אים ניט אין דעם שטיוול?... ר׳האָט מיך דערזען און איז פון בּלאַס
געוואָרן ווייס

8.

Last week he brought me word from Krakov
about  Laban the Chalutz and some SS shits they killed.
Laban, in German uniform, was arrested.
Yitzhok escaped with a foot-wound. Lie down. How is it?

9.

It was January 14, 1943. I spent the night in the Ghetto.
Next day — may it never have come — the
Ghetto was closed! The SS is chasing us back!
Cops, rifles pointed, are placed on every corner.

10.

What's gonna happen? It's the end of us. Shudder.
I go back to my son and the Chalutzim. They know all already.
Zivia! And Yitzhok—who knows if the blood's still filling his boot.
He looks at me, white.

יא.

ווי קאַלך... ר׳זענט ווייס ווי קאַלך, יצחק! איך האָב׳ס אים ניט געזאָגט... ער רופט א חלוץ צו –
״ניי גלייך
און זוך א בונקער אויף דאָ אין דעם הויף און פיר אריין זיי!״ איך נעם יצחק׳ן פאר׳ן האנט אָן –
״הער,
יצחק!״ און כ׳דריק אים פעסט די האַנט, ער רויטלט זיך... ״יצחק! איך וויל דאָ זיין מיט אייך,
צבי – אויב ער וויל... ער אויך! ער וויל ניט גיין... יצחק!״ און ס׳קומט אריין א חלוץ און
פארטיילט געווער.

יב.

פאר מיר איז ניט געווען גאָר נישט – נאָר ס׳איז פאר מיר, פאר מיר געווען אלץ! הגם צו
שפעט...
ניין, ניין! ס׳איז קיינמאָל ניט צו שפעט! דער לעצטער ייד – קוים לייגט אוועק ער א רוצח
ראַטעוועט זיין פאָלק!
מען קען א פאָלק אַן אויסגעהרג׳עטן שוין ראטעווען דאָך אויך... ראַטעוועט! איך האָב צו זיי
גערעדט,
איך האָב געשטאַרקט זיי, יאָ! אי זיי אי מיך געשטאַרקט, איך האָב צו זיי גערעדט, געוואונשן
זיי דערפאָלג.

יג.

זיי האָבן זיך צעשטעלט, חלוצים אויף דער וואַך, האַרט ביי דער טיר, אין אַלקער און העכער
אויף אַ טרעפּ.
לעם פענסטער האָט ווער אויסגערופן שטיל אלץ וואָס אין גאס קומט פאָר, איך האָב געקוקט
פארשטיינערט אין א שויב.
זי איז ארוים צום אומשלאַק... ווייי מיר, מען פירט זיי שוין פארשווייגענע, אראָפּגעלאָזן טיף די
קעפּ.
אָ, יידן מיינע, לעצטע מייע פון מיין פאָלק, פארוואָס בין איך ניט בלינד? פארוואָס בין איך
נישט טויב?

11.

“You’re white like lime, Yitzhok!” I didn’t say. He calls to a Chalutz to “Run behind the courtyard doors.” I take his hand. “I wanna stay with you, Yitzhok. Zvi too.” The Chalutz gives us weapons.

12.

There was nothing for me but everything. Even if too late. No, no, it’s never too late. The last Jew, if he kills an assassin, saves his people. I told them to make them and myself strong, wishing success.

13.

The Chalutzim are ready, near the door, on steps; one whispers about what’s outside. I’m petrified by a window. Hell, they’re taking them away with bent heads, my Jews. O why am I not blind, not deaf?

יד.
שאַט, אַ געלאָף, ושאַנדאַרמען צוויי אַנטלויפן לענג אויס די גאס, ס'קומען צריק באַלד מער, זיי
צינדן אונטער אַ געבײ,
אַ הייזל קליין צעפלאַקערט זיך אַנטקעגן מיינע פענסטער, אַ פייערלעשער שלעכט אָנשטאָט
צו לעשן – בלאָזט
די פלאַם פונאַנדער, ר'גייט צום דייטש צו, רעדט צו אים אויף פויליש: דאָ האָבן זיך באַהאַלטן
גאַנצע דריי!
מען שלעפּט אַרויס זיי – און ס'רויטעלט זיך דער שניי ווייס און רויכלט וואַרם זיך אין פראָסט.

טו.
שאַט, שאַט! מען איז שוין דאָ ביי אונדז! איך זע דאָס פּנים ניט פון דייטש, זיין פלייצע נאָר,
ס'האָט קיינער אים, דעם דייטש, אין פלייצע ניט געשאָסן, ער האָט אַ קויל באַקומען אין דער
ברוסט,
ער פאַלט, דער צווייטער אויך – "די יודען שיסן!" האָט באַוויזן ווער פון זיי דערשטוינט אַ רוף
טאָן, יאָ, טאַקע וואָר!
זכריה, דו און נוטמאַן, אליעזר, דאָ, – חלוצים! און אויף דער ניזקאַ – שומרים. יאָ, יודען שיסן!
זיי האָבן ס'ניט געוואוסט...

3-5.1.1944

14.

Shsh! Two cops running, more coming; they set fire to a house; it's
burning; a fireman instead of putting it out, stirs it up,
tells the German in Polish:
they have the hidden three. The snow's dyed red.

15.

Shsh!  Here they are. I don't see the German's face,
only his back. No one shoots in the back.
One  takes a bullet in his chest.
"The Jews are firing!" Chalutzim in Niska Street, and Shomrim.*

## יד. די ענד

זיי האָבן ניט געוואוסט, זיך ניט געריכט – ״די יודען שיסן!״ איך האָב געהערט דעם אויסוואורף׳ס עקלדיקע שטים
איידער נאָך די אומריינע נשמה ז׳אים ארוים, ס׳איז ניט געווען קיין אויסרוף, נאָר אַ פּייז וואונדער – ס׳טייטש?!
א שטוינען וויסט און אויסטערליש און אומגעריכט אזוי: ״די יודען שיסן!״ אָ, נישט אליין פון אים,
ס׳איז א רוף געווען פון א מערדער־פאָלק, פון אַכציק מיליאָן: זיי אויך! די יידן מאַכן׳ם אויך ווי מיר, ווי יעדער דייטש.

ב.

וויי אונדז! מיר קענען, יא, מיר קענען זיך אַנטקעגן שטעלן אויך און אייך דערהרג׳נען, מיר אויך! מיר אויך!
מיר קענען אָבער דאָס וואָס איר האָט קיינמאָל נישט געקענט און וועט ניט קענען קיין מאָל אויף דער ערד –
ניט הרג׳ענען אַ צווייטן! ניט אויסראָטן אַ פאָלק ווייל ער איז וועהרלאָז, וואָס הויבט אומזיסט די אויגן אין דער הויך.
איר קענט ניט: ניט דערהרג׳ענען, איר זינדיקע פון דער נאַטור, איר מחט׳ס, אייביקע איר פּאָכער מיט דער שווערד.

ג.

איך קען אייך גוט! און איז מיין וואָרט ניט שטאַרק ווי ס׳וואָרט פון מיינע אבות, די נביאים, איך האָב אַדורכגעדרונגען אייך ווי זיי!
אָנהייב יול, בעת זיי האָבן אָנגעהויבן אונדז ארויספירן צום טויט פון ווארשאָ, האט מען באַראַטן זיך, איך, ווען איך בין אויף יענער זיצונג – איך וואָלט געווען מיט די חלוצים, איך וואָלט מיט זיי דאַן אויפגעהויבן אַ געשריי –
תמוּת נפשי! יאָ... זיי הרג׳נען אוים אונדז אלע, ווי אין ליטע, אין אוקראַינע, וואָליניען און לובלין!

# 14. The End

1.

They hadn't expected "Jews shooting!"
I heard that disgusting voice before his spirit left his body.
Not just his but all 80,000,000 Germans, astonished,
"The Jews are shooting, like us, like any German."

2.

Yes, we can face and kill you, even us!
We know what you've never known and never will:
not to kill your neighbor or exterminate defenseless people.
Sin's your nature, always waving swords like fans.

3.

I know you well; I foresaw your plans, beginning July when you
started taking us from Warsaw to our death.
There was a reunion, I was with the Chalutzim,
we were crying out: Tamus Nafshi!*

ד.

ס׳וואָלט ניט געהאָלפֿן, כ׳ווייס... ניט ווייל מיר האָבּן ניט געהאַט ניט קיינער, ניט קיין סימן
פֿון געוועזער –
אַ האַק איז אויך פֿון אייזן, און קוילן גראָבּן זיך ניט טיפֿער איין אין לייבּ ווי נעגל שאַרף,
נאָר יידן אין אַמעריקאַ, אין ארץ־ישראל, זיי וואָלטן ווייט און טרויעריק אויף אונדז נאָך אונדז
געלאָזט א טרער
און שטיל, און אפשר ניט נאָר שטיל אַ זאָג געטאָן: אַך, ווען מען שטעלט זיך ניט אנטקעגן! מען
האָט עס ניט בּאדארפֿט...

ה.

ניין, ניט בּאדארפֿט! ווי מיר, איך בּין פֿאר ניי־יאָר נאָך געזעסן שטום, מיט יידן נאָך, מיט
לייטערס פֿון א שאָפֿ,
און יידן פּויליש־ריידנדיקע האָבּן אויסגעדריקט גרוים זייער צאָרן און זייער ווייטאָק קליין –:
״אזא א פֿאָלק! וואָס האָט געלאָזן זיך ווי קעלבּער אויסשעכטן, אזא א פֿאָלק!״ און האָבּן בּייז
געשאָקלט מיטן קאָפּ...
ווי, ווי, דאָס פֿאָלק וואָס מח געהרג׳עט ווערן, אויסגעהרג׳עט ווערן אויף דער ערד און איז ניט
יוצא נאָך פֿאַר זיך אליין!

ו.

דעם אַכטצענטן אין ערשטן האָבּ איך געזען פֿינף טויזנט פֿון מיין פֿאָלק גענומען און געפֿירט
צום טויט,
און דייטשן צוויי נאָר, רוצחים צוויי האָבּ איך געזען פֿון די אין יענעם טאָג אוועקגעלייגטע
צוועלף,
נאָר צוועלף! און ס׳האָט אויף זיי, אויף די בּאַוואָפֿנטע פחדנים, פֿאַרציטערט קאַלט די הויט,
״די יודען שיסן!״ און זיי האָבּן זאַלבּע צווייט אין אונדזערע בּאַהעלטענישן זיך ניט מער בּאוויזן,
נאָר מחנות׳ווייז ווי וועלף.

ז.

ווי וועלף! איך האָבּ מיט יידן יונג געקלעטערט איבּער מויערן, אויף דעכער שיף, מיט שניי און
אייז בּאַדעקט, א גאנצן בּלאָק
פֿון אכט־און־פֿופֿציק זאַמענהאָף אויף פֿיר־און־פֿערציק מוראַנאָוו און פֿונם דאַך ארונטער אין
דעם הויז,
איך מיט חברים עטליכע בּלייבּ אויף דעם בּוידעם, און ס׳האָבּן עטליכע אראָפּגעלאָזן זיך פֿון
דאָרטן אויף א שטאָק,
דאָס האָבּן זיי דערשאָסן נאָך צוויי מערדער, איך האָבּ זיי ניט געזען, איך האָבּ געהערט די
שאָסן בּלויז.

4.

I know, not 'cause we didn't have even a shadow of a gun
or an iron ax, and could only plant nails in bodies as if bullets.
Jews in America, Eretz Israel'd have said:
O if only we'd reacted. But they didn't.

5.

No, they didn't. Just before New Year's Day, I sat in silence with Jews
who managed a shop; they spoke in Polish:
"What kind of people is it who allows them
to carry you to slaughter like calves?"

6.

January 18 I saw 5,000 Jews carried to their death
and only two killers of 12 killed. Just 12?!
Those armed cowards trembled. "Jews are shooting!"
No more going in pairs, but in gangs like wolves.

7.

Like wolves! With young Jews I got onto a roof
of snow and ice on 58 Zamenhofa Street and from the roof
dropped into a house. I remained in the attic,
while others went down to kill two murderers.

ח.

פארנאכט בין איך אוועק מיט אלעמען אויף מילא אייךאודזעכציק, שוין מיט א ביקס און
רעוואָלווערן נאָך – א שאַטן!
אויפמאָרגן האָט מען זיך צעטיילט, איך בין צעווישן הונדערטער געזעסן אויף א בוידעם –
קאָלט און לאנג און שמאָל,
עס האָט א פרוי לעם מיר א הוסט נעטאָן איין מאָל און נאָך אמאָל, אַ ייד איז צו איר
צונעשפרונגען ווי א קאַטץ
און געוואָרט, מיט פינגער אויסגעשטרעקט, מיט נעגל שאַרף – ער וואַרט אויף נאָך אַ הוסט...
קוים הוסט זי נאָך אמאָל!

ט.

אין א וואָך ארום האָב איך זיך אומגעקערט אין שאָפּ... אויף נאָוואָליפּיע האָבן יידן אויך א סך
געפעלט,
און אויף דער לעש, דאָרט איז געוועזן לייכטער אומצוברענגען אונדז, מען האָט דעריבער אונדז
אין שאָפּן קאָנצענטרירט,
ביטש! וואו ביסטו, ביטש? פון קליינעם בונד נישט לאַנג און טיף א ייד יעצט! מען האָט אויף
נאָוואָליפּיע אויך אַנטקעגן זיך געשטעלט!
אויך אויף דער לעש! מען האָט די טעג אויך אין די שאָפּן אויסגעהרג'עט אונדז, פון שאָפּן אונדז
צום טויט ארויסגעפירט.

י.

מיר ווערן ניט פון טאָג צו טאָג און קיינער שטאַרבט ניט, ס'האָט קיינער ניט באוויזן שטארבן
ווי מען איז געוויינט געווען אַמאָל.
מען הרג'עט אוים אונדז, די פון א קויל אין גאס, די פארפייניקט אויף זשעלאַזנאַ הונדערט
דריי, און די ארויסגעפירט – געוואלד!
מיר ווילט זיך שרייען גוואלד! מיר ווילט זיך לויפן אין די גאסן, ווייט און ברייט פארברעכן מיט
די הענט און שרייען אויפן קול...
און פרייד איז אויך פאראן: געווער! מען קויפט געווער! מען רייסט ארוים זיך אין די וועלדער
אויך, צבי וויל אין וואַלד –

8.

Night came. We posted ourselves in 61 Mila
with rifles and revolvers—a treasure!
Morning I was with 100 others in a long, attic.
A woman near me was coughing. A Jew cat-sprang. She stopped.

9.

In a week I was back in the shop. So easy to kill us there,
so they focussed on the schops. Bitsh? Where are you.
Bitsh? These days they're killing us in the shops
or carrying us off to death.

10.

Day after day we defend. No one'll die as before,
though we wanna cry Help, run through streets wringing hands,
shouting for joy too. Weapons! We'll buy weapons.
Flee to woods. Zvi'll go too!

יא.
אזא א ביסל יידן! אזא א קאַפּ און ס׳זענען איבעריקע צווישן זיי דאָ – אַלפרעד נאָסיג ימח שמו
און פּאָליציאַנטן יידישע, אַך יידן, יידן וואָס האָבן זיך פארקויפט צום דייטש... אין פיין אין
דעם איז אונדז א טרייסט באַשערט.
יידן שיסן זיי ווי הינט אוים... שיסט! צען שלעכטע יידן הרג׳עט, איידער הרג׳ענען איין
שלעכטן גוי.
ניט אלע הרג׳עט מען. עס זענען געלד־זעק דאָ, און זיי באשטייערט מען: אזוי פיל און אזוי פיל
אויף געווער!

יב.
און דורכגעננ זענען דאָ דורך בוידעמער, פון לעש אויף נאָוואָליפּיע, פון נאָוואָליפּיע פירט א
בוידעם אין א הויף
אויף סמאָטשע, פון סמאָטשע וויסט א גאס, אז מען פארנעמט מיט א רעוואָלווער זיך רעכטס
און דורך אַ לאָך
אין א מויער דיק – קומט מען גלייך אריין אין געטאָ, טרעפט א דייטש דיך – ניין! ניי דרייסט
דיין וועג, נישט לויף –
ער איז דיר חושד אז דו האָסט געווער און ער מיידט דיך אוים... וואָס נאָך? וואָס ווילסטו
טייערער מיין פריינט דען נאָך?

יג.
דו ווילסט דאָס זעלבע דאָך וואָס איך... איך וויל עס זאָל אַ שלאַק מיך טרעפן, אנידערלייגן מיך,
כאָטש שוין – און אוים!
די שאָפן טראָגן זיך אין ארבייטס־לאַגערן אריבער מיטן לעצטן הייפל יידן אין לובלינער
קאַנט –
איך וועל אהין ניט פאָרן... ניין! ניטאָ פאר מיר קיין בונקער דאָ און צו דיר, אַריער, קען איך ניט
ארוים,
ס׳קריגן עטליכע פון קרובים אויסלאנדספּעסער, יאָ... וואָלט ערגעץ־וואו זיך עמיצער אָן מיר
דערמאָנט...

11.

So few Jews. Among them the useless: Alfred
Nosig, may his name be x'd out, with Jew cops', who sold
themselves to Nazis. Jews killed them like dogs.
Measly rich'll be taxed by the rifle too.

12.

An attic's over a courtyard on Smocza Street. If, with pistol,
you turn right, go through a hole in the wall you enter the Ghetto.
You meet a German, go on. Don't run.
You're armed, he'll avoid you.

13.

You want the same as me, that their beating and
killing us be done! Shops are transferring the last
Jews to work-camps in Lublin. I don't want to go.
Some get papers from relatives abroad; if only us.

יד.
איך בין פאר אלע מיינע שוין געשטאָרבן... הלואי וואָלט איך געשטאָרבן, איך אָבער וועל ניט
שטאַרבן, ניין, מען וועט
מיך הרג'ענען... איך בין שוין ניט אויף נאָוואָליפיע, זי ליקווידירט זיך, כ'וואַלגער אויף דער
לעש זיך שוין זיית טעג,
ביי א באקאנטן זיצט א יונגערמאן בלאס און דערצייילט: ער קומט פון וועג יעצט, ער איז
ארורכגעגאנגען שטעט
און שטעטלעך אין קרויז־פוילן, ער האָט קיין ייד שוין דאָרטן ניט געזען, ניט באגעגנט קיינעם
אויף אַ וועג.

טו.
דאָס איז געווען צוויי טעג פאר פסח. און ערב פסח פרי ז'געוועזן שוין אוים מיט לעש, און אויף
דער לעש
האָב איך אין מיין באהעלטעניש געהערט קאַנאָנען טאָג און נאַכט, ביינאַכט האָב איך געזען
עס ברענט –
דער געטאָ ברענט, ער ברענט אויף זיינע מויערן און זיינע לעצטע יידן, ס'פייער העשט און
העשט,
דער הימל איז געווען באלויכטן און אויב ס'איז דאָ דאָרט ווער, האָט צוגעקוקט זיך און געזען די
ענד.

9-13.1.1944

14.

All mine are dead. Would that I…but no, I don't wanna die
but they'll kill me. Next to a friend sat a young man
who said he'd crossed all cities and
villages in Poland and saw not a single Jew.

15.

It's the morning of Passover eve; Lesz Street's finished
and in my hiding place there I've heard cannon day and night,
seen the Ghetto burning, the heavens lit up.
You're observing The End.

## טו. נאָך אלעמען

די ענד. דער הימל פלאַקערט אין די נעכט, ער וויקלט אין א רויך בייטאָג זיך און צינדט
ביינאַכט זיך ווידער אָן, א שרעק!
להבדיל ווי דער מדבר, ווילד, אין אונדזער פריסטן אָנהייב: בייטאָג א וואָלקן־זייל און העל א
פייער־זייל ביינאַכט –
מיין פאָלק, ער איז אין פרייד, געשטאַרקט אין גלויבן, אַ לעבן יונג אנטקעגן דאַן געגאַנגען, און
יעצט – אַ סוף, אַן עק...
מען האָט אונדז אויסגעהרג'עט אלע אויף דער ערד, פון קליין ביז גרויס, מען האָט אונדז
אלעמען דאָ אומגעבראַכט.

ב.
פאַרוואָס? אָ, פרעגט ניט, קיינער ניט – פאַרוואָס? ווייל יעדער ווייס עס, פון דעם בעסטן ביז
דעם ערגסטן גוי –
דער ערגסטער האָט די דייטשן צוגעהאָלפן, דער בעסערער האָט צוגעקוקט זיך מיט איין אויג,
געמאַכט זיך... אז ער שלאָפט –
ניין, ניין, ס'וועט קיינער ניט קיין רעכנשאַפט פאַרלאַנגען, ניט נאָכפאָרשן, ניט פרעגן זיך:
פאַרוואָס אַזוי?
אונדזער בלוט איז הפקר, מען מעג פאַרגיסן אים, מען קען אונדז אומברענגען, דערמאָרדן
אומבאַשטראָפט.

ג.
ביי די פּאָליאַקן האָבן זיי געזוכט די פרייהייטס־קעמפער, נאָר די אויף וועמען ס'איז געפאַלן
קיים א חשד
אז ער איז טריי זיין פאָלק... די רוסן האָט מען אוסגעהרג'עט מערער נאָך אין דערפער און אין
אלע שטעט –
"פאַרטיזאַנער!" ביי אונדז האָט מען געהרג'עט קינדער אין די וויגן, אזעלכע וואָס די מאַמע
האָט נאָך ניט געהאַט,
מען האָט געפירט אונדז אלע אין טרעבלינקי, און פאַרן טויטן אונדז, געוואָרן זיך, צו אונדז
גערעדט:

# 15. To The End Of All

1.

The End. Like our times of beginning in the arid desert:
by day a column of cloud, by night one of fire.
Then my people, strong in faith, joyfully strode to new life.
Now they've exterminated all of us.

2.

Why? Don't ask, why? All know, from the best to
the wickedest of Gentiles, the latter shaking the
German hand, the former with half-closed eyes pretending sleep.
Our blood's not worth much.

3.

Polish combatants, only those "patriots" seeking liberty,
massacred so many Russian "Partisans" in villages and cities.
From us they've killed babies in cradles,
take us all to Treblinka where they tell us:

ד.

"איר טוט זיך אוים דאָ, לייגט די קליידער אויף אַן אָרט, די שיך צו פּאָר, לאָזט איבּער אלץ דאָ
וואָס איר האָט,
איר וועט דאָך אלץ נאָך דארפֿן, די קליידער און די שיך און אלץ, אלץ וואָס איר לאָזט דאָ איבּער,
איר קומט דאָך בּאלד צוריק!
איר זענט פֿון וועג, אַיאָ? פֿון ווארשאָ? פֿון פּאַריז? פֿון פּראָג? פֿון סאַלאָניקי? גייט נעמט אַ
בּאָד!"
און ס'ווערן טויזנט אין אַ זאַל אַריינגעלאָזן... און טויזנט וואַרטן נאַקעט בּיז די ערשטע טויזנט
ווערט דערשטיקט.

ה.

אזוי האָט מען אונדז אומגעבּראַכט, פֿון גריכנלאנד בּיז אין נאָרוועגיען און בּיז פּאַר מאָסקווע –
בּיי זיבּן מיליאָן,
ניט רעכענענדיק קינדער יידישע אין בּייכער, אַליין די שוואַנגערע, די ערב־מאמעס קומען אין
בּאטראכט,
און בּלייבּט א ייד ווייט אין אמעריקא, אין ארץ־ישראל נאָענט – מאָן אויך די קינדער בּיי דער
וועלט, מאָן, מאָן
די ניט געבּוירענע נאָך און דערהרג'עט, מאָן די דערשטיקטע מיט דער מאמען אין דער מאמעס
טראַכט.

ו.

פֿארוואָס? עס פֿרעגט ניט, קיינער ניט אויף דר'ערד, און אלץ, אלץ פֿרעגט פֿארוואָס?
פֿארוואָס? הער, הער!
יעדע וואוינונג וויסט אין חרובֿע אין מויערן, אין טויזנט שטעט און שטעטלעך טויזנטער און
מערער פֿרעגט:
פֿארוואָס? הער, הער: ווייל וויסטע דירות זענען לאנג ניט וויסט, און היימען, היימען לערע
זענען לאנג ניט לער –
עס קלייבּט אַן אַנדער פֿאָלק אַהער אריין זיך און מענטשן אַנדערע, אַן אנדערע אַ שפּראַך, און
אַנדערע די נעכט און טעג.

4.

“Get undressed, fold your clothes, line up shoes,
leave all here ‘cause soon you’ll be returning to them.
Warsaw? Paris? Prague? Salonica? Go to the bath.”
We’re packed a huge room and gassed.

5.

Exterminated us from Greece, Norway to outskirts of Moscow,
almost 7,000,000 not counting babies in the laps of pregnant women,
or the unborn but killed by asphyxiation
in bellies of their mothers.

6.

Why? If no one on earth asks it, yet all ask why?
Listen, listen! Every deserted house, every wall in thousands of cities
and villages asks why? Other humans will live in them,
with other languages.

ז.

עס וועט די זון מער אין איר אויפשטייג איבער קליין א שטעטעלע אין ליטע און אין פוילן ניט טרעפן שוין א ייד
א ליכטיקן אין פענסטער, אַן אַלטיטשקן, א זאָגנדיקן א קאַפּיטל תהלים און א צווייטן גייענדיק אין שול –
עס וועלן אלץ נאָך פויערן אין פורן אויף אלע וועגן איר אַנטקעגן פאָרן, זיי וועלן אלץ נאָך פאָרן צום יאַריד,
אזוי פיל גויים – גוואַלד! מערער נאָך ווי פריער! און דער מאַרק, דער מאַרק איז טויט! דער מאַרק איז פול און איז ניט פול!

ח.

עס וועט אַ ייד ניט מער באַשיינען די יאַרידן ווייט ארום, ניט מער באַלעבן זיי, ניט מער ארייבלאָזן אין זיי אַ גייסט
און ס'וועט ניט מער צעפּאָכען זיך אַ יידישע קאַפּאָטע איבער מערק מיט זעק קאַרטאָפּל, מעל און קאַשעם, און אַ האַנט
אַ יידישע וועט ניט אַ הייב טאָן און אַ טאַפּ טאָן ווייך אַ הון, אַ קעלבל ניט קיין גלעט טאָן... דאָס פויערל אַ שיכורער, ער שמייסט
זיין פערדעלע אין צער, ער שלעפּט די פולע פור צוריק אין דאָרף אריין... ניטאָ! ניטאָ קיין יידן מער אין לאַנד!

ט.

און קינדער יידישע – זיי וועלן זיך ניט אויפכאַפּן מער פון שלאָף שוין, פון חלומות ליכטיק יעדן אין דער פרי –
ניט גיין אין חדר מער, ניט מער פארקוקן זיך אויף פייגעלעך, ניט שטיפן מער, ניט שפילן זיך אין זאַמד,
אָ, יינגעלעך, איר יידישע, אָ, שיינענדיקע אויגעלעך! מלאכים'לעך... פון וואַנען איר? פון הי? און נישט פון הי!
אָ, שאָנקעוודיקע מיידעלעך, איר ליכטיקע, איר ציכטיקע, כאָטש איינגעריכט די פנים'לעך און נישט פארקאַמט.

7.

The sun rising over the shtetl of Lithuania and
Poland no longer meets a radiant old Jew reciting a psalm at a window, or off to synagogue. It'll meet peasants going to a full yet dead market— gevald!

8.

Nevermore will a Jew bring his gaiety, life and his spirit to you. Nevermore will his coat-tails flutter around bags of potatoes, flour and grain. Nor will a Jewish hand lift a hen or caress a little calf.

9.

And Jewish kids won't wake in the morning from golden dreams,
won't go to cheder, watch birds or play devil games anymore,
won't fun around in the sand.
Little angel girls with dirty noses, ruffled hair.

י.

ניטאָ זיי שוין! אָ פרעגט ניט דאָרט אויף יענע זייטן ים, ניט פרעגט זיך אויף כתריליווקע, ניט אויף יעהופּעץ... לאָזט געמאַך!

זוך ניט קיינער, ניט די מנחם־מענדעלעך, די טוביה־מילכיקערס, די שלמה נגיד׳ס, די מאָטקע גנב׳ס, אָ ניט זוך!

זיי וועלן דיר, ווי די נביאים דיינע, ווי ישעיה, ירמיה, יחזקאל, ווי הושע, עמוס פון דעם אייביקן תנ״ך,

אַרויסוויינען אַזוי פון ביאַליקן, אַרויסריידן צו דיר פון שלום־עליכם׳ן, פון שלום אַש׳ס אַ בוך.

יא.

עס וועט דאָס קול פון תורה זיך ניט לאָזן הערן פון ישיבות מער, פון קיין בית־מדרש, און בחורים׳לעך בלאַס,

געאיידלטע אין לערנען, אין פאַרטיפן זיך אין דער גמרא, אין פאַרטראַכטן זיך... ניין, ניין, ניט בלאַס, עס איז אזא א שיין!

פאַרלאָשן שוין... רבנים, ראשי ישיבות, יידן לערנער, גאונים דאַר און קוואַר און שוואַך און אָנגעפילט מיט ש״ס,

מיט פוסקים, קליינע יידעלעך מיט גרויסע קעפּ, מיט הויכע שטערנס, אויגן קלאָר – ניטאָ זיי שוין, זיי וועלן מער ניט זיין.

יב.

עס וועט אַ מאמע ניט פאַרווינן מער א קינד, מען וועט ניט שטאַרבן שוין ביי יידן און ניט געבוירן ווערן מער,

ניט געזונגען ווערן וועלן לידער הארציקע פון יידישע פון דיכטער, פון שרייבער גרויסע, שוין פאַרביי, פאַרביי!

און יידישע טעאַטערס וועלן מער ניט זיין שוין, מען וועט ניט לאַכן דאָרט, ניט לאָזן שטיל אַ טרער,

און מחיקער און מאָלער יידישע, באַרטשינסקי׳ס, זיי וועלן מער אין פרייד און לייד ניט שאַפן, ניט זוכן וועגן ניי.

10.

Don’t ask about Kasrilvke or Yehupetz or look for Menachem-Mendel,
Tevye-Milkhiker, the Shloime-Noghed, the Motke-Ganef.
They’ll speak to you through
Bialik, Sholem Aleichem, Sholem Asch.

11.

No longer will the voice of Tora resonate from
Yeshivas and synagogues, nor that of the pale,
noble boys at study. No, it’s not paleness, it was light,
a light now gone and that nevermore will be.

12.

No Jew will die or be born anymore;
the songs of the poets won’t be sung. All’s finished.
No Yiddish theater will make people laugh or cry; J
ewish painters, musicians like Barcinski won’t create.

יג.
און ס'וועלן יידן אין די שטעט ניט שטיין אין קאַמף שוין, ניט מקריב זיין זיך מער פאר יענעמ'ס וואויל,
מען וועט ניט היילן מער, ניט לינדערן א פרעמדן ווייטאָק, ניט פילנדיק דעם אייגענעם, דעם שמאַרץ.
אָ, נאַרישער דו גוי, דו אויך, האָסט פון א זייט אין ייד אריינגעשאָסן, און דיך, דיך אויך געטראָפן האָט די קויל!
אָ, ווער וועט העלפן דיר, די לענדער דיינע בויען? ווער וועט אזוי א סך אויפקנעבן נשמה דיר און האַרץ?

יד.
און מיינע קאָמוניסטן היטצקעפ וועלן זיך ניט אַמפּערן שוין מער, ניט קריגן זיך מיט מיינע מאַסן פונם בונד,
און ביידע זיי מיט מיינע פרייסטע, מיט די טרייסטע מיינע, וואס האָבן גאנץ דעם יאָך אויף זיך געשלעפּט –
חלוצים ידידישע! זיי האָבן זיך דער וועלט אויפגעשאָנקען און ניט פארלאָזן זי די אייגענע די וואונד,
כ'האָב צוגעקוקט זיך צו די קרינערייען און געווייטאָקט... נאָר וואָלט איר ווייטער זיך ארומגעריסן, אבי איר וואָלט געלעבט!

טו.
ווי מיר, ניטאָ, ניט קיינער שוין... געווען א פאָלק, געווען, און שוין ניטאָ... געווען א פאָלק, געווען, און שוין... שוין אוים!
אַ מעשה'לע אזא, עס הייבט פון חומש'ל זיך אָן און ביז, ביז יעצט... א מעשה'לע נאָר טרויעריק, ווער זאָגט אַז שיין?
אַ מעשה פון עמלק'ן און ביז אַן ערגערן פון אים, דעם דייטש... אָ הימל ווייט, אָ ברייט די ערד, אָ ימים נרוים –
ניט באַלט צחאַמען אין איין קנויל זיך און ניט פארניכט די שלעכטע אויף דער ערד, זאָלן זיי פארניכטן זיך אליין!

15-17.1.1944

13.

And Jews won't battle anymore, won't sacrifice
themselves for the good of their neighbor or seek
to soothe the suffering of others. O foolish Gentile,
you've shot the Jew but the bullet's struck you too!

14.

And those warm heads of my Communists won't
be quarreling with Bundists and both not fighting
with my faithful Chalutzim thirsty to lift the yoke of
all warriors. If only you could quarrel and be alive!

15.

There was a people and now there isn't.
What a sad history that goes from Amelek to one worse than him,
a German. O heavens, earth, seas, don't plot to kill the wickedest;
let them kill themselves!

# NOTES

*These Notes are listed according to Section slash Number of Quatrain.*

1/13 A great student of the Talmud

3/8 Abbreviation of Umschlagplatz, where the train station was that took the Jews to their death

4/10 Recited as a Last Rite in the hour of one's death

6/2 A Yiddish name for a synagogue

6/2 The motions of the body while praying

7/1 Woe is me

7/3 The Hebrew is Tekel Tekel

8/9 Attendant in a synagogue

12/4 German factories where Jews worked so not more immediately be taken to be gassed

13/7 One of the Resistance leaders in the who survived the war

13/7 His wife, who also fought and survived

13/7 Young pioneer Socialist Zionists

13/15 Members of a group to the Left of the Zionists

14/3 Allusion to Samson's saying: May I die with the Philistines

Printers information goes here

Back of Cover / Blank



**REGENT PRESS**
Berkeley, California
www.regentpress.net